STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03329

# MAYN RAYZE KAYN VARSHE

Samuel Leo Wohl

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# מיין רייזע קיין ווארשע

# My Journey to Warsaw

*By* SAMUEL WOHL

Copyright 1947

דעם איינקונפט פון דעם בוך גיט דער מחבר אַוועק

פאַר אידישע יתומים אין איירָאָפּע

*Published by*
SAMUEL WOHL
722 Broadway
New York 3, N. Y.



סעמיועל וואָהל (וו. סעמיועלס)

אין הייליקן אָנדענק פון מיינע שוועסטער שיינדיל און רחל
און מיינע ברידער אברהם און משה, וועלכע זיינען אומגעקומען פון די מערדערישע נאַצים אויף קדוש השם.

# אינהאַלט פאַרצייכענונג

## ערשטער טייל


זייט

איך גרייט זיך פאָרן ........................ 5

איך פלי אַוועק ........................ 6

די פאַסאַזשירן ........................ 6

איבערן ים ........................ 8

אַ וואָך אין פאַריז ........................ 9

אין וואַרשע ........................ 14

אין דער געטאָ ........................ 18

אין לאָדז ........................ 20

אין נידער־שלעזיען ........................ 22

אין שוועדן ........................ 23

צוריק אין פאַריז ........................ 29


## צווייטער טייל


איך בין געקומען אַהיים אין וואַרשע........................ 30

די קליינע טרעבלינקע ........................ 35

דער אידישער העלד פון סטאַלינגראַד ........................ 38

אַ מאַמע און איר קינד ........................ 41


## דריטער טייל


אידען אין פוילן ........................ 44

דריי וואָכן אין פוילן ........................ 47

יציאת פוילן ........................ 51

ריכבאָך — אַ נייע אידישע שטאָט........................ 53

לאַנדסמאַנשאַפטן אין פוילן ........................ 56

אַלע אידן ווילן אַוועק פון פוילן — אָבער ........................ 60

„אידישע שטעט“ אין פוילן ........................ 63


## פערטער טייל


יאַנקעלע........................ 67

שוועסטערלאָך ........................ 69

נאָך צוויי שוועסטער ........................ 71

קורצע שילדערונגען ........................ 72

אַן אַמעריקאַנער אין איראָפּע ........................ 75

פרויען אין איראָפּע ........................ 76

קינדער, צייטונגען, שפּייז ........................ 77

שלוס־וואָרט ........................ 78

## ערשטער טייל

# מיין רייזע

## איך גרייט זיך פאָרן

דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה, האָב איך געהאַט אַ געוואַלדיקן אינערלעכן דראַנג צו פאָרן קיין וואַרשע, גלייך, ווי די אומשטענדן וועלן דאָס מיר דערלויבן. אין 1920, גלייך נאָך דער ערשטער מלחמה, בין איך געפאָרן קיין וואַרשע. דאַן האָט געלעבט מיין מוטער און מיין גאַנצע פאַמיליע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין וואַרשע אין יאָר 1912, ווען איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע.

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס מאָל, נאָך דער איצטיקער מלחמה, וועט זיין גאַנץ אַנדערש. נאָך אין 1941, גלייך נאָכדעם ווי אַמעריקע איז אריין אין קריג, האָב איך געקראָגן אַ קאַרטל פון מיין ברודער, אברהם, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן. איך האָב ניט געטרויערט אויף מיין מוטערס טויט. איך האָב געהאַט אַ מאָדנעם געפיל פון דערלייכטערונג דערפון וואָס מיין מאַמע, וועלכע איז שוין געווען אַריבער ניינציק יאָר אַלט, איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט . . . צו יענער צייט האָב איך שוין געוואוסט וואָס עס שטייט פאָר פאַר די אידן אין פוילן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט.

ווען איך האָב שפּעטער געהערט וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין די יאָרן 1942 און 1943, האָב איך געלייגט גאָר ווייניק האָפענונגען אַז פילע פון מיין משפחה וועלן זיך ראַטעווען, אָבער דאָך האָט אין מיין האַרץ געגליט עפּעס אַ שטיקל האָפענונג, אַז אפשר, אפשר וועט זיך אימיצער פון מיינע שוועסטער און ברידער ראַטעווען.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איך האָב פון מיינע אייגענע גאָרניט געהערט, האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך האָב ניט אויף וואָס צו האָפן. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען אַז פון מיין גאָר גרויסע פאַמיליע, אַריבער צוויי הונדערט מענטשן, האָבן זיך בלויז צוויי געראַטעוועט — מיין שוועסטער רחלס זון סאַמועל, אַ דאָקטאָר אין דער פוילישער אַרמיי און דוד, מיין ברודער משהס זון, אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אין דייטשלאַנד.

דאָך האָט עס מיך געצויגן צו פאָרן קיין וואַרשע. איך האָב געוואָלט זען דעם חורבן מיט מיינע אייגענע אויגן און געוואָלט העלפן אַנדערע געראַטעוועטע וואַרשעווער, אויב ניט מיין אייגענע פאַמיליע.

ווען איך בין באַשטימט געוואָרן, צוזאַמען מיט די פריינט, ס. דרעוונאָוויטש און ק. פרידמאַן, צו זיין די פאַרטרעטער פון דעם ״אַמעריקאַנער קאָונסיל פאַר וואַרשעווער אידן״, אויסצופאָרשן די לאַגע און צו העלפן די געראַטעוועטע וואַרשעווער אידן אין אייראָפּע, און אויך פון דער ״דזשאָינט״, צו שטודירן די לאַגע פון די פוילישע אידן, בין איך געווען גאָר צופרידן.

## אַ פאַר-געזונט אָוונט

דעם 19טן מאַי, 1946, האָט דער ״קאָונסיל פאַר וואַרשעווער אידן״, וואו איך האָב דעם כבוד צו זיין דער פרעזידענט און גרינדער, איינגעאָרדנט פאַר מיר אַ געזעגענונגס-אָוונט (טעסטימאָניאַל דינער). דאָס איז פאָרגעקומען אין פיטיען טעמפּעל. דער זאַל נעמט אַריין אַרום 500 מענטשן, אָבער געקומען זיינען קנאַפּע 800 פון מיינע פריינט. פילע האָבן געמוזט צוריקגיין,

ווייל עס איז מער ניט געווען קיין פלאַץ. איך בין געווען געריִרט פון דעם גרויסן כבוד וואָס מ׳האָט מיר צוגעטיילט און שטאָלץ געווען מיט די אָנגע־זעענע באַגריסער, ווי דזשאָדזש גאָלדשטיין; דער פּוילישער קאָנסיל, יאַן גאַלעוויטש; לואיס סאָבעל פון ״דזשאָינט; סענאַטאָר שערעשעווסקי; הער און מאַדאַם סוירקוס; באַרימטע אַרכיטעקטאָרן פון דער פּוילישער רעגירונג און אַנדערע באַרימטע פּערזענלעכקייטן. אָבער מער פון אַלעס האָט מיך גע־פרייט וואָס ביי יענעם אָוונט איז געשאַפן געוואָרן פופצן טויזנט דאָלאַר פאַר הילף צו די געראַטעוועטע וואַרשעווער אידן אין אייראָפּע.

די טעג פון דעם 19טן מאַי ביז דעם 27טן מאַי, דעם טאָג פון מיין אָפּ־פאָרן פון ניו יאָרק, זיינען געווען ביי מיר פול מיט אויפרעגונג. איך האָב זיך געזעגנט מיט הונדערטער מענטשן. פילע האָבן מיטגעגעבן גריסן, גריסן צו לעבעדיקע און גריסן צו טויטע . . . פילע האָבן געבעטן אַ טובה, געבעטן אַז איך זאָל עפּעס טאָן פאַר זייערע אייגענע אין אייראָפּע. איך האָב שוין געהאָפט אַז עס זאָל שוין קומען דער טאָג פון מיין אָפּפאָרן.

## איך פלי אַוועק

מאָנטיק, דעם 27טן מאַי, ביין אַזייגער אין דער פרי, האָבן מיר געזאָלט אָפּפאָרן פון דעם לאַ גוואַרדיע פעלד מיט אַ ריזיקן ״קאָנסטילעישאָן״ עראָפּ־לאַן קיין פאַריז. עס האָט געגאָסן אַ מבול, אַזוי, אַז דער גרויסער עראָפּלאַן האָט ניט געקאָנט קומען צו דעם לאַ־גוואַרדיע פעלד, און אַרום 12 אַזייגער זיינען מיר, 52 פּאַסאַזשירן, געפאָרן מיט אַ באַס קיין נוארק. דאָרט האָט גע־וואַרט אונזער עראָפּלאַן. דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט גיסן. ערשט אַרום דריי אַזייגער בייטאָג, אין סאַמע מיטן גאַס רעגן, זיינען מיר אַריין אין עראָפּלאַן. נאָך אַביסל וואַרטן, האָט דער ריזיקער פויגל זיך אַהויב געטאָן אין די וואָלקנס. מיר האָבן ניט געקענט זען די שטאָט. אַלעס וואָס מיר האָבן געזען איז געווען רעגן און וואָלקנס.

נאָכדעם ווי מיר זיינען געווען עטלעכע מינוט אין דער לופט, איז אין קאַבין אַריינגעקומען אונזער קאַפּיטאַן (הויפּט־פּאַילאָט) און אונז געלאָזט וויסן, אַז אין אַ שטונדע און פערציק מינוט וועלן מיר פליען אין רעגן, נאָכ־דעם וועט זיין שיין און גוטער וועטער ביז פאַריז.

אַזוי איז טאַקע געווען. פונקט צו דער מינוט. נאָך אַ שטונדע און פער־ציק מינוט, זיינען מיר אַריין אין אַ נייע און ליכטיקע וועלט. אויוון אַ העלע לויטערע ליכטיקייט, פון אונטן, זעט זיך די ברעגן פון דעם שטאָט מעין. פון צייט צו צייט פאַרשטעלט אַ ווייסער וואָלקן די פּאַנאָראַמע.

מען סערווירט אַ הייסן ״לאָנטש״, וואָס באַשטייט פון אָרענדזש דזשוס, אַ סאַלאַד פון פאַרשידענע פרוכט מיט קרעקערס, ״טשיקן אַלאַ קינג״, ״ראָסט־ביף״, ראָלס, רעליש, טאָרט און קאַפע. אַלץ איז גאָר געשמאַק. די פּאַסאַ־זשירן פאַרגעסן אַז מ׳פליט אין דער לופטן, מ׳פּאָנגט זיך אָן באַקאָנען איינער מיטן אַנדערן.

## די פּאַסאַזשירן

מיט מיר פאָרן מיינע צוויי קאָלעגן און מיטפאָרער פאַר דעם ״אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער אידן״: סעם דרעוונאָוויץ און קלמן פרידמאַן. דרעוונאָוויץ איז אַביסל צושראָקן, פרידמאַן מאַכט זיך האַרץ. און איך מונטער

זיי אויף יעדעס מאָל מיט אַ וויץ אָדער אַנוויזנדיק זיי אויף די הערלעכע סצענעס וואָס זעען זיך פון די פענסטער. מיר זיינען איצט איבער ניו בראַנז־וויק, קענעדע. עס זעט זיך פון אונטן פּראַכטפולע לאַנקעס, אויטאָמאָביל־וועגן, וועלדער און טייכן. מיר פליען אַרום 12 טויזנט פוס הויך, אָבער אַלעס זעט זיך שאַרף צוליב דעם שיינעם בלאָען הימל.

מיינע קאָלעגן ליגט ניט אין זינען דאָס שיינע בילד. אַפילו פרידמאַן, דער פּאָעט, גיט אויך אַ מאַך מיט דער האַנט. ער פילט, ווייזט אויס, בעסער ווען ער קוקט ניט אַרויס דורכן פענסטער . . . ער וויל פאַרגעסן אַז ער איז אין דער לופטן.

עס פאָרט מיט אונז אַ איד, אַ סוחר. ער הערט ניט אויף באַרימען זיך מיט זיינע גרויסע געשעפטן. ער רעדט הויך און אַ שלעכטן ענגליש. ער האַלט זיך אָבער פאַר אַ קלוגן און איז זיכער אַז וואָס ער זאָגט איז גוט, דער־פאַר מעג ער רעדן הויך . . .

עס פאָרט מיט אונז אַ רייכער איד, וואָס זעט אויס, ווי אַן עלטערער אַמעריקאַנער פאַרמער, מיט אַ ווייס "אַנקל סעם" בערדל. זיין פרוי איז מיט אים. ער איז אַ רייכער מאַנופעקטשורער פון "זיפּערס". זיינע פאַבריקן זיינען אין דער שווייץ. ער איז געווען אין אַמעריקע די גאַנצע צייט פון דער מלחמה. איצט פאָרט ער אַהיים, אין דער שווייץ. ער איז אַ לעבעדיקער און איינגע־נעמער מענטש. אים געפעלט זייער וואָס איך גיב זיך אָפּ מיט העלפן די "אָרימע ברידער" פון אייראָפּע. אָבער קיין טשעק שרייבט ער ניט פאַר זיי... ער איז, ווייזט אויס, צופרידן מיט דעם וואָס אַנדערע העלפן...

צוויי מיטליאָריקע מענער זיצן און שפּילן כסדר אין קאָרטן. בלויז ביים עסן אונטערברעכן זיי די שפּיל. זיי האָבן אַזוי געשפּילט פולע 18 שטונדן, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין פּאַריז.

עס פאָרן עטלעכע דיפּלאָמאַטן. זיי זיינען פיר מענטשן און קומען אָפּ די גאַנצע צייט מיט שווייגן. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַ ספּעציעלע קונסט, צו זיצן שטונדן לאַנג און ניט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

די סטוּאַרדעס (האָוסטעס) פון דעם עראָפּלאַן, וואָס הייסט "די סטאַר אָוו ליסבאָן", איז גאָר אַ שיינע. אַ הויכע שלאַנקע פיגור, בלאָנדע האָר און העל בלאָע אויגן און טיפע חן־גריבלעך אין די באַקן. זי איז זייער צוגעלאָזן צו די פּאַסאַזשירן. פאַרער, גיט איגפאָרמאַציע וועגן דער רייזע און מאַכט יעדן זיין באַקוועם.

מיר דערנעענטערן זיך צום קאָסט פון ניו פאַונדלענד. כאָטש עס איז ענדע מאַי, זעט זיך שניי אויף די פאַרוויסטע געגנטן פון דעם פאַרוואָרפענעם לאַנד. אַ פוסטער געגנט, פול מיט וועלדער, בערג און טאָלן. די געוואוקסן זיינען דערנער, פאַרלאָזן, אָן אַ פונק פון לעבן, און דערצו זעט נאָך אויס גלייך ווי די וואָלקנס וואָלטן זיך באַזעצט אויף דיביימער און גראָזן, כדי אַ מענטשנס אויג, אַפילו פון אויווון, זאָל ניט אָנקוקן דאָס פאַרוואוסטע לאַנד.

מיר דערנעענטערן זיך צו דער שטאָט גאַנדער. דאָרט געפינט זיך דער פלי־פעלד. דאָרט דאַרפן מיר אַראָפּלאָזן זיך פאַר אַ שטונדע צייט. דער ריזיקער עראָפּלאַן פאַנגט אָן אַראָפּלאָזן זיך און אַרומדרייען זיך צווישן די בערג און ביימער. יעדעס מאָל קלאַפּט ער זיך אָן אין אַ וואָלקן, און עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז אָט, אָט, פאַלט ער אַריין אין אַ זומפּ צווישן די בערג. עס טרייסלט און וואַרפט פאַר בלויז עטלעכע מינוט, אָבער די פאַר מינוט זיינען אַן אייביקייט. די אויערן ווערן פאַרשטאָפּט פון דעם דרוק וואָס מען קריגט

פון דעם אַרונטערלאָזן זיך פון אַזוי הויך. ענדלעך קומט דער עראָפּלאַן אין באַרירונג מיט דער ערד. מיר אַלע אָטעמען אָפּ פרייער. די שיף שטעלט זיך אָפּ, מיר גייען ארויס זעען ווי עס זעט אויס גאַנדער, ניו פאונדלאַנד.

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, וואו עס איז שוין צוגעגרייט פאַר אונז אַ פיינער "דינער". מיר עסן מיט אַפּעטיט. נאָכ'ן עסן פאַרברייננגען מיר אין דעם קלוב־הויז פון דעם רעסטאָראַן.

## מיר פליען איבער'ן ים

ווען מיר גייען צוריק אַריין אין דעם עראָפּלאַן, איז שוין גוט פינסטער. די שיף נעמט זיך אין וועג אַריין. זי הייבט זיך אויף גראַציעז אין דער פינ־סטערניש. מיר פליען איצט אין אַזאַ געדיכטער פינסטערניש אַז מיר קאָנען גאָרניט זען וואָס אין דרויסן טוט זיך. אָבער אין אַ פּופצן מינוט שפּעטער גיט אונז אונזער קאַפּיטאַן פון שיף איבער, אַז מיר פליען אויף אַ הויך פון 24 טויזנט פוס. איך קוק אַרויס פון פענסטער און ווער איבערראַשט פון די גרויסע ריזיקע שטערן וואָס מ'זעט אַזוי געדיכט איינער לעבן צווייטן. עס דאַכט זיך, אַז איר קאָנט זיי אָנטאַפּן מיטן האַנט. אַלע אין עראָפּלאַן מאַכן זיך גרייט צום שלאָפן. עס ווערט טונקל אין שיף. מ'טוט זיך האַלב אויס, מ'דעקט זיך איבער מיט אַ וואַרימע קאָלדרע. איך אייל זיך ניט צו שלאָפן גיין, ווייל, ערשטנס, וויל איך זען די שטערן אין דרויסן און צווייטנס, דענק איך, אַז איך וועל ניט קאָנען שלאָפן, ווייל בטבע קאָן איך ניט שלאָפן ווען איך פאָר אויף אַ באַן, אַפילו ניט אין בעסטן "פּולמאַן". איך קאָן אויך ניט שלאָפן אין אַנטאָן, אָדער אויף אַ שטול. מעג דאָס זיין די ווייכסטע און בעסטע באַ־קוועמע שטול. איך דענק דאַריבער, אַז איך וועל שוין אַזוי איבערזיצן די נאַכט אַרויסקוקן דורכן פענסטער.

אָבער אַז איך האָב געזען דאָס אַלע אין דער שיף שלאָפן שוין געשמאַק, האָב איך זיך געמאַכט באַקוועם, צוגעדעקט זיך מיט דער וואַרימער קאָלדרע. עס האָט לאַנג ניט גענומען, איך בין איינגעשלאָפן. אַז איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט האָב איך אויסגעפונען אַז איך בין געשמאַק געשלאָפן פיר שטונדן.

עס האָט מיר באַנק געטאַן פאַרוואָס איך האָב זיך ניט אויפגעכאַפּט אַביסל פריער, ווייל עס האָט שוין געטאָגט אין דרויסן, אָדער בעסער געזאָגט, עס האָט געטאָגט אין איין זייט פון עראָפּלאַן, ווייל אין דער צווייטער זייט איז נאָך געווען שטאָק פינסטער. עס האָט אַזוי געדויערט אַרום צוואַנציג מינוט. איין זייט איז שוין געווען טאָג און אין דער אַנדערער זייט איז נאָך געווען נאַכט.

— איך האָב שוין געזען זון־אויפמאַנג פון אַ שיף אין מיטן ים, וואָס איז זייער הערלעך. מיינע פענסטער וואו איך וואוין, אין ניו יאָרק, גייען אַרויס דירעקט צום ים. יעדן פרימאָרגן זע איך פון מיין בעט די זון "אַרויסקומען פון ים אין די הימלען אַריין" . . . אָבער אַזאַ סצענע וואָס איך האָב געזען פון דעם עראָפּלאַן, אין מיטן ים, ווען די זון האָט זיך באַוויזן, האָב איך נאָך ניט געזען. די קאָלירן, דאָס בייטן זיך פון די הימלען און וואָלקנס, די בילדער זיינען מיר נאָך פאַר די אויגן. איך האָב ניט די פען און די ווערטער צו באַ־שרייבן דאָס בילד. עס וועט אָבער שטענדיק בלייבן אין מיין זכרון.

עס איז געוואָרן ליכטיקער און ליכטיקער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר פליען איבער גרויסע ריזיקע אייז־בערג. אָבער דאָס זיינען גאָר געווען

העל־ווייסע וואַלקנס. מיר האָבן געשווימען הויך איבער די וואָלקנס. די שיף איז געפּלויגן אויטאָמאַטיש. דער קאַפּיטאַן און די פּאַילאָטס זיינען געווען מיט אונז אין דער שיף. די אינסטרומענטן זיינען געווען אָנגעשטעלט פאַר דער הויך און ריכטונג. מאַנכע אין דער שיף האָבן זיך געשראָקן, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיי באַרוהיקט און פאַרזיכערט אַז אַלעס איז אין בעסטן אָרדענונג.

אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען צו די ברעגן פון איירלאַנד. עס האָט זיך באַוויזן שיינע לאַנדשאַפטן און איידער מיר האָבן צייט געהאַט גוט אַרומ־צוקוקן זיך, האָבן מיר געלאַנדעט אין שאַנאַן, איירלאַנד.

דער פלי־פּלאַץ אין שאַנאַן איז גאַר אַ פיינער, מיט גרויסע גלאַטע „ראַנ־וועיס", גאַראַנטיט געשעדיקט פון דער מלחמה. איירלאַנד איז געווען נייטראַל אין דער מלחמה . . . דער וואַרט־זאַל און איבערהויפּט דער רעסטאָראַן, איז ניי און ערשטע קלאַס. די באַדינונג דאָרט איז גאַר פיין. נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָרט געגעסן אַ פיינעם פרישטיק זיינען מיר אָפּגעפלויגן קיין פּאַריז.

## אַ וואָך אין פּאַריז

דער וועג צו פּאַריז איז געווען אַ גוטער. דער וועטער איז געווען שיין. אָבער ביים אָנקומען צו דעם „אָרלאָ עיר פעלד", האָבן מיר באַגעגנט אַ רעגן, ניט אויף לאַנג. נאָכדעם ווי מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם „קאַסטום אינספּעק־שאַן" (גרענעץ אונטערזוכונג) זיינען מיר מיט אַ באַס געפאָרן אין שטאָט אַריין.

דער פלי־פּלאַץ איז פול מיט צייכנס פון דער מלחמה. כמעט אַלעס איז דאָרט צושטערט און צובראָכן, און די ערשטע גאַסן זיינען אויך אַזוי. אַלץ איז נאָך דאָרט אונטער „אַרמעי רעגולאַציעס". איר זעט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אויף שריט און טריט, די שילדן אַרום דעם פלי־פּלאַץ זיינען אויף ענגליש און ניט ווייט פון פלי־פּלאַץ זעט איר אַ „סלאָפּי דזשאָ" רעסטאָראַן . . .

מיר קומען אָן אויף דעם „לאַפּאַיעט סקווער", אין סאַמע האַרץ פון פּאַריז. עס האָבן דאָרט, לויט אונזער דערוואַרטונג באַדאַרפט וואַרטן עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געקראָגן צו וויסן וועגן אונזער קומען. אָבער עפּעס האָט פּאַ־סירט, מיר זיינען פון זיי דערוואַרטעט געוואָרן אַ טאָג שפּעטער. עס איז אָבער דאָרט געווען אַ רעפּאָרטער פון דער „נייער פּרעסע", ה. שוסטער, ער האָט, ווייזט אויס, גוט אויסגערעכנט אונזער קומען. ער איז געווען זייער פריינטלעך צו אונז און אונז באַזאָרגט אין האָטעל אַריין.

אין דעם האָטעל, דער ליאָן פּאַלאַס האָטעל, האָבן מיר גענומען באַזונדערע צימערן. איך האָב געקראָגן אַ גרויסן צימער אויף ערשטן שטאָק. דרעווונאָוויץ און פרידמאַן אויף דעם פערטן שטאָק. מיין צימער איז אפשר דערפאַר געוואָרן, דער צימער פון דער „וואַרשעווער דעלעגאַציע", ווייל עס איז געווען נענטער צו דער גאַס און גרעסער, און ניט דערפאַר ווייל איך בין געווען דער פּרעז־זידענט פון „וואַרשעווער קאַונסיל". איך האָב די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע פּרובירט פעסטשטעלן, אַז מיר זיינען דריי גלייכע, איינער איז ניט גרע־סער פון אַנדערן.

עס איז ניט אַוועק אַ שטונדע און אונזער אויפנאַם־צימער, דאָס הייסט, מיין צימער, איז געוואָרן ווי אַ קעסל־גרוב. עס איז אָנגעקומען דר. רייכמאַן, דער פּאַרזיצער פון אונזער לייַ־קאַסע אין פּאַריז, אַ איד אַ ברען, אָנגעזען אין פּאַריז אין פילע אינסטיטוציעס, אַ פירער אין די „קינדער קאָלאָניעס",

אַ איד וואָס רעדט גוט פראַנצויזיש, אויך ענגליש, דייטש, פויליש און העברע־איש. ער ווייסט אַלעס און קען אַלעמען אין פּאַריז. מיר האָבן אים גלייך באַשטימט פאַר אונזער וועג־ווייזער און חבר. מיר האָבן שפּעטער ניט געהאַט קיין חרטה דערפאַר.

עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ סדרה פון קאָנפערענצן, מיטינגען און אויפנאַמעס. דאָס ערשטע האָבן מיר באַזאָרגט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די פאַמיליעס און מענטשן צו וועמען מיר האָבן געהאַט גריסן פון זייערע אייגענע פון ניו יאָרק. דר. רייכמאַן און זיין סעקרעטאַר, מאַדאַם מייערס, האָבן דאָס גלייך באַזאָרגט. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז יעדן טאָג, פון אונ־זער זיין אין פּאַריז, וועלן אויפגענומען ווערן מענטשן אין אונזער האָטעל, צווישן צוויי און זעקס נאָכמיטאָג. אָבער אונזערע וואַרשעווער אידן האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין "אָפּיס שטונדן", זיי זיינען געקומען ווען זיי האָבן צייט געהאַט און ווען זיי האָבן געוואָלט, פון זיבן אינדערפרי ביז עלף ביינאַכט...

דאָך האָבן מיר זיך "אָפּגעריסן" יעדן טאָג פון אונזער האָטעל, כדי צו קאָנען זען דאָס וואָס מיר האָבן געדענקט איז וויכטיק.

אויפן צווייטן טאָג פון אונזער זיין אין פּאַריז, זיינען מיר אַוועק אין לאַ־וואָרען, נעבן פּאַריז, צו זען דאָרט די "קינדער היימען" פאַר די אידישע יתומים פון פוילן און פראַנקרייך. דר. רייכמאַן איז געווען אונזער באַגלייטער. דאָרט, אין די יתומים הייזער, האָב איך, מיט מיינע אייגענע אויגן דערזען, צום ערשטן מאָל, דעם אידישע אומגליק.

איך האָב געזען פאַר זיך די געראַטעוועטע קינדער פון אונזערע קדושים, וועלכער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, אַשוועצשים, מאַידאַנעק און אַנדערע נאַצישע פאַרניכטונגס לאַגערן. איך האָב גערעדט צו זיי, געלאַכט מיט זיי, געזאָגט פאַר זיי וויצן און מעשה'לאַך, אַבי אַרויסצורופן ביי זיי אַ שמייכל. אָבער מיין הארץ האָט געוויינט אויף זייער אומגליק . . .

איך האָב גערעדט צו אסתר קירשענבוים, אַ בלאָנדע מיידעלע מיט צוויי לאָלקעס אין האַנט; מיט רבקהלע, אַ אַכט־יאָריקע מיידעלע וואָס פּוצט אויס די שיך פאַר די אַנדערע קינדער יעדן טאָג, און דערביי זינגט זי אַ טרויעריק לידל "איך וויל אַהיים" . .. כאָטש זי ווייסט אַז זי האָט ניט קיין אַנדערע היים ווי דאָס יתומים־הויז.

איך האָב גערעדט מיט צוויי שוועסטערלעך גאָלדעלע און פייגעלע, זיל־בערשטיין איז זייער צווייטער נאָמען. די אינגערע, פייגעלע, איז שוין געווען אין קרעמאַטאָריום, געראַטעוועטע געוואָרן דורך אַ נס. גאָלדעלע רעדט אַ פיינעם אידיש. זי איז קראַנק געווען אין דער צייט ווען איך האָב זיי געזען אין דער דוד ראַפּאַפּאָרט הויז פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט. קראַנקער־הייט פאַסט זי אויף אַז פייגעלען זאָל גאָרניט פעלן. זי איז אַ מאַמע צו פיי־געלען . . .

איך האָב געזען לוסי גאָלדבערג פון לאָדז. נאָר וואָס געקומען פון די קעמפּס אין דייטשלאַנד. זי איז 14 יאָר אַלט, האָט אַלעמען פאַרלוירן. זי זאָגט מיר, אַז זי האָט בלויז אויף דער וועלט די לאָדזשער און טשענסטע־כאָווער לאַנדסלייט . . . פון וואַנען אירע טאַטע־מאַמע שטאַמען. זי האַלט אַ טיכל מיט שוואַרצע ראַמען און וויינט ביטער, ווען זי רעדט וועגן אירע דערמאָרדעטע עלטערן.

פעני דראָזטאָוויטש, פון וואַרשע, די עלטערן ליבע און יאָסל, אומגעקומען פון די נאַציס. זי האָט זיך געראַטעוועט ביי קריסטן. רעדט אַ זאַפטיקן אידיש, שיינע שוואַרצע אויגן און אַ זיסן שמייכל. זי שרייבט זיך דורך מיט אַ פאַמיליע פון ניו יאָרק, פון דער בראָנקס, ל. קאַסאַר. זיי שיקן איר צו פעקלאַך מיט נאַשערייען און אַנדערע זאַכן. זי האַלט זיי פאַר טאַטע־מאַמע, קושט און האַלדזט זייערע בילדער.

אַדער נעמט סוזאַן סוסי, 14 יאָר אַלט און האָט שוין אויף איר האַנט אַ אויסגעברענטן נומער. זי איז געבוירן אין פאַריז, געווען מיט טאַטע־מאַמע אין אַשוויץ. די עלטערן זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן, מער ניט צוריקגעקומען. איר קליינער ברודער האָט זיך אויך געראַטעוועט, אָבער מיט שווינדזוכט. ער איז אין אַ סאַנאַטאָריום. סוזאַן איז באַזאָרגט וועגן איר ברודער, און ווען עס קומט ניט קיין בריוו, וויינט זי און בעט ביי אירע פאַרשטאָרבענע עלטערן, "אַז זיי זאָלן זען" אַז איר ברודער זאָל געזונט ווערן . . .

מיר זיינען אויך געווען אין דער גרויסער קינדער־היים אין אַנדרעזי, ביי פאַריז. דאָרט אין די היים פון דער "אוניאָן" (לינקע גרופּן). דאָרט האָבן מיר געזען אַ צאָל קינדער וואָס זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען פון וואַרשע.

זשאַנעט און בערל בראַזאַ, 13 און 10 יאָר אַלט, זייער טאַטע איז געווען אַ קצב, זיי זיינען געווען באַהאַלטן ביי קריסטן. די עלטערן זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע.

עלזאַ זילבערבערג און סעלענקאַ זילבערבערג, שוועסטער, דרייצן און אַכט יאָר אַלט, פון וואַרשע. דער טאַטע זייערער, שמעון, איז געווען אַן עלעקטריק אינזשעניר, אומגעקומען פון די נאַציס. די מאַמע און די צוויי שוועסטערלעך זיינען געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ קלויסטער זיי האָבן זיך געראַטעוועט, די מאַמע איז איצט קראַנק אין אַ סאַנאַטאָריום.

איך האָב פאַרבראַכט אַ סך שטונדן מיט די קינדער פון דער דאָזיקער היים און אויסגעשמועסט זיך מיט די פאָלגנדע: מאַטקע גאָלדבערג, 14 יאָר פון פאַבניץ. דער טאַטע אומגעקומען, די מאַמע אין פאַריז. יאַנקעל ריכטער פון לאָדז, געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ פויער. אַנאַ בראַמיסלאַווסקי, 12 יאָר, געראַטעוועט זיך מיט אַ ברודער פון 8 יאָר, עלטערן אומגעקומען. פּנחס פעלענבאַך, 11 יאָר, קומט פון וואַרשע, לעשנע 8, געווען באַהאַלטן ביי קריסטן. די עלטערן זיינען מער ניטאָ, האָט אַ גרויסן ברודער אין צאַפאַט, זיין טאַטע איז געווען אַ גאָלדשמיד, ער איז קלוג ווי דער טאָג, דערציילט זיך אָן וואָס האָט מיט אים פּאַסירט אין די בונקערס אין וואַרשע. יאַנוש וואַידיסלאַווסקי, ריכטיקער נאָמען יעזבעטע, פון וואַרשע, 11 יאָר אַלט, האָט געזען ווי מען האָט דערמאָרדעט זיין טאַטן און מאַמען, האָט פאַמיליע אין בראַזיל. ליפּע וואַרשאַווסקי, פון נאַוואַליפּקע 44, וואַרשע. ער איז 20 יאָר אַלט, אַ לערער ביי די קינדער, געווען אין אַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן. חנהלע זיידמאַן, 12 יאָר, פון וואַרשע, פאַרלוירן טאַטע־מאַמע, זי צוברעכט דאָס האַרץ ווען זי דערציילט פון איר טראַגעדיע. רבקה לאה ראַזאַנסקי, 12 יאָר, פון וואַרשע, האָט אַ ברודערל פון 5 יאָר אין אַ צווייטער האָום. איר פאָטערס נאָמען איז געווען לייזער. זי איז געבוירן אין פאַריז, קלוג און שיין, זי האַלט אין איין פרעגן פאַרוואָס? פאַרוואָס איז דאָס געקומען אויף זיי אַזאַ אומגליק?...

דאָס איז בלויז אַ טייל פון דער טראַגעדיע וואָס איך האָב געזען ביי אונזערע יתומים. פרידמאַן און דרעווגאָוויטש האָבן כסדר געווישט זיך די אויגן

און איך האָב געטראַכט, וואָס טוען אונזערע רייכע וואַרשעווער אידן אין אַמע־ריקע? זיי זיינען פאַרנומען מיט „וויכטיקערע״ זאַכן . . . דענקען זיי ניט, אַז זיי האָבן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ חוב צו די דאָזיקע וואַרשעווער יתומים? זאָל זיי גאָט מוחל זיין . . .

מיר האָבן באַזוכט די רעדאַקציעס פון די אידישע צייטונגען. מיר זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די רעדאַקציע מיטגלידער פון דער בונדיסטישער צייטונג „אונזער שטימע״. דער רעדאַקטאָר, יחיאל ניימאַן, אַ זייער פריינטלעכער און צוגעלאָזענער מענטש. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אונזער אַרבעט אין אַמעריקע און אונזער מיסיע אין איראָפּע. ער האָט אונז דערציילט וועגן דער אייניקייט וואָס איז צווישן די פּאַריזער אידן אויף דעם קולטורעלן געביט.

אין דער רעדאַקציע פון „אונזער וואָרט פון די פּועלי ציון, האָט יוסף פרידמאַן, דער רעדאַקטאָר, פאַר אונז געמאַכט אַ גאָר פיינע אויפנאַמע. עס זיינען געווען דאָרט אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע. מ׳האָט סערווירט וויין, טיי און צובייס, און דורכגערעדט זיך וועגן דעם אידישן לעבן אין פּאַריז. ישראל לילענשטיין, אַ מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, איז געווען צו אונז גאָר פריינטלעך, דורך דער גאַנצער צייט פון אונזער זיין אין פּאַריז, פאַר אונזער פאָרן קיין פּוילן און אויך נאָכן צוריקקומען.

די גרעסטע אויפנאַמע פאַר אונז איז אָבער געמאַכט געוואָרן פון דער רעדאַקציע פון „נייער פּרעסע, דער אָרגאַן פון די לינקע און קאָמוניסטן און פון דער געזעלשאַפט „אוניאָן״, וועלכע נעמט אַרום אַלע אידישע לינקע באַ־וועגונגען אין פראַנקרייך.

דער הויפּט־מענטש אין דער „אוניאָן״ און אין דער גאַנצער לינקער באַוועגונג אין פראַנקרייך, איז א. רייסקי. ער איז, אין זומער פון 1945 געווען דאָ אין אַמעריקע אַלס דעלעגאַט פון די פּוילישע אידן אין פראַנקרייך, צו־זאַמען מיט דר. עק און מ. טאַפּיעל. ער, רייסקי, איז דער „באָס״ פון דער גאַנצער לינקער באַוועגונג דאָרט. ער האָט ניט דעם אויסזען פון אַ „דיק־טאַטאָר״ און איך ווייס ניט צי ער איז אַ דיקטאַטאָר. ער איז אַ פריינטלעכער מענטש, סימפּאַטיש, מערסטנס אויסגערעכנט און קאַלטבלוטיק. בלויז זעלטן ווערט ער בייז און אַנגעצינדן. ער ווערט איינפאַך פאַרגעטערט ביי די לינקע אין פּאַריז.

די אויפנאַמע ביי די לינקע איז ניט געווען בלויז פאַר אונז אַליין. עס איז אויך געווען פאַר די באַקאַנטע אידישע קינסטלער פון אַמעריקע, מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך. זיי זיינען דאַן געווען אין פּאַריז אויף אַ טור פאַר דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט פון ניו יאָרק.

די אויפנאַמע פאַר אונז און דער אַרטיסטישן פּאָרל, איז געווען אַ שיינע און אַ וואַרימע, מיט פיינע געטראַנקען און צובייסן. דער פאָרזיצער איז געווען א. רייסקי. עס האָבן אונז באַגריסט דר. ב. סלאָוויס, מחבר פון „המנס מפּלה״; עפּשטיין, פון דער „איוואָ״; כ. אַראָנסאָן, באַרימטער קונסט־קריטיקער און אַ רייע אידישע שרייבער און טוער אין פּאַריז, צווישן זיי, ג. קעניג, רעדאַקטאָר פון דער „נייער פּרעסע״ און קינמאַן, פון „איקוט״. דאָרט איז אויך געווען די באַרימטע אידישע קינסטלערין חיהלע גאָלדשטיין, וועלכע האָט דאַן גאַסטראָלירט אין פּאַריז מיט גרויס דערפאָלג.

מאַלי פיקאַן און קאַליך האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זייערע רעדעס. מאַלי האָט זיך צעווײנט ווען זי האָט גערעדט וועגן די לאַגע פון די אידן אין אייראָפּע.

ווען רייסקי האָט מיך פאָרגעשטעלט צום רעדן, האָט ער מיך אָנגערופן אַ "געזעלשאַפטלעכער אַרטיסט", שפּעטער האָט מען שוין אין פּאַריז אָנגע־רופן אַלע קהלישע טוער "געזעלשאַפטלעכע אַרטיסטן".

נאָך די באַגריסונגען זײַנען מיר אַלע צוזאַמען מיט מאַלי פיקאַן און יעקב קאַליך, אַוועק אין די צימערן וואו עס איז געווען אַן אויסשטעלונג פון בארימטע בילדער פון אומגעקומענע אידישע קינסטלער. דער קונסט קריטי־קער, כ. אַראָנסאָן, האָט פאַר אונז דערקלערט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו די בילדער און זייערע מאָלער.

דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט דער "פאַרבאַנד פון אידישע געזעלשאַפטן" אַראַנזשירט פאַר אונז אַ פיינעם צוזאַמענקונפט, וואו מען האָט סערווירט שאַמפּיין און צוביס. נאַטירלעך, האָט ניט געפעלט קיין רעדעס און באַגרי־סונגען. אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט זײַנען אָנגעשלאָסן אַ צאָל לאַנדסמאַנ־שאַפטן. די פאָרשטייער פון די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפטן זײַנען געקומען אונז באַגריסן אַלס די דעלעגאַציע פון דער גרעסטער אידישער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע. דאָרט האָבן גערעדט ה. יאַנקעלעוויטש, דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, מ. ערענסט, גראַנד, אייזענשטיין און אַנדערע. עס איז געווען אַ וואַרימע און האַרציקע באַגריסונג.

שבת אָוונט איז אַראַנזשירט געוואָרן פאַר אונז אַ גרויסאַרטיקער באַנ־קעט אין האָטעל לוטעציאַ, איינער פון די שענסטע פּאַריזער האָטעלן. דעם באַנקעט האָט אַראַנזשירט די וואַרשעווער סאָסייעטי אין פּאַריז. דר. ר. רייכ־מאַן איז דאָרט דער פּרעזידענט, און ער האָט שוין געזען, אַז דער דאָזיקער אָוונט זאָל זײַן דער שענסטער און בעסטער . . . דער האָטעל איז גאָר אַ שיינער. די באַדינונג איז פיין. די וויטערס העפלעך. די "אַקוסטיק" דאָרט איז וואונדערבאַר. מען סערווירט דאָרט אין צייט ווען די רעדנער האַלטן זייערע "ספּיטשעס", אָבער עס ווערט געטאָן אַזוי שטיל, אַז עס שטערט ניט דעם רעדנער, און די וואָס עסן, טוען דאָס אָן גערויש.

דאָס עסן ביים באַנקעט איז באַשטאַנען פון שאַמפּיין, קיכלעך, לייכטע סענדוויטשעס, טיי און אייז־קרים. דער עולם זיצט רוהיק, געדולדיק, קיינער אַנטלויפט ניט ביז אַלץ איז אַריבער.

דער פאָרזיצער פון דעם באַנקעט איז געווען טאַקע דר. רייכמאַן. ער רעדט קורץ, צו דער זאַך און שטעלט פאַר די רעדנער מיט פיינעם טאַקט. עס האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון דער פּרעסע: י. קעניג, פאַר דער "פרייער שטי־מע"; לילענשטיין, פאַר "אונזער וואָרט"; חיים בוים, פאַרן וואַרשעווער פאַראיין; ריבאַיאַט, פאַרן פּראַגער פאַראיין; גרינבערג, פאַרן "אָרט" און "פעדעראַציע פון פּוילישע אידן" און יעקב ביהל, פאַר די "קינדער קאָלאָ־ניעס" און "קולטור געזעלשאַפט".

דריי יונגע מיידלעך האָבן אונז באַשאָנקען מיט גרויסע בוקעטן בלומען און מיט קושן. איך, דרעוונאָוויטש און פרידמאַן זײַנען וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון אַלע פאַרזאַמלטע. דאָס איז געווען אַ האַרציקער צוזאַמענקונפט. איך וועל דאָס שטענדיק געדענקען.

זונטיק אָוונט האָבן די קאַלושינער לאַנדסלייט אין פּאַריז איינגעאָרדענט אַן אָוונט פאַר מיר, ביי זייערס אַ לאַנדסמאַן ה. קאַלושינסקי. עס איז אַ גרויסע און רייכע הויז. דאָרט זיינען געווען דער גאַנצער קאַלושינער קאָמיטעט. עס איז געווען אַ גאָר הייסע חברשע אויפנאַמע. די וואַרעמקייט און פריינט־לעכקייט דאָרט צו מיר, האָט מיך דערמאָנט אין די קאַלושינער אין אַמעריקע, וואָס וויזן מיר אימער אַרויס פריינטשאַפט און צוטרוי אין אַ גרויסער מאָס. די קאַלושינער אין פּאַריז האָבן פשוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר. איך בין זייער דאַנקבאַר די פריינט אייזענשטיין, סאָקאָל, קאַלושינסקי, פּעל־נער, סיטשינסקי און די איבעריקע פאַר זייער פריינטלעכקייט.

ביי אונזער צווייטען באַזוך אין פּאַריז, אויפן וועג צוריק פון פוילן, האָט דער פּראַגער פּאַראיין אַראַנזשירט פאַר אונז אַ באַנקעט אויף אַ פּאַלקסטימ־לעכן שטייגער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט היימישער אַטמאָספערע. אין אַלגעמיין, האָבן די אידן אין פּאַריז אַרויסגעוויזן צו אונז גרויס פריינט־שאַפט. אַ חוץ די אָרגאַניזאַציעס האָבן אַ רייע פריינט אונז אויפגענומען אין זייערע היימען מיט גרויס גאַסטפריינטלעכקייט. אַזוי צום ביישפּיל, האָבן באַזונדערע פריינטשאַפט אַרויסגעוויזן צו אונז די לאַמאַנט פאַמיליע, קאַזינס פון דרעוונאָוויטש, לאהקע מינסקי, אַ קאַזינע פון פרידמאַן, די זינדערמאַן פאַמיליע, אַ ברודער פון ל. זינדערמאַן פון אַרבעטער רינג, זיסעל שעד־ניצקי און איר שוועסטער, די צוויי שוועסטער פון חיים גורמאַן און מאַדאַם מייערס. איבעראַל זיינען מיר אויפגענומען געוואָרן ווי ברידער. איך בין זיי אַלע דאַנקבאַר פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט.

עס איז, אין יענער צייט, געווען זייער שווער צו קריגן אַן עראָפּלאַן צו פאָרן קיין וואַרשע. אָבער מיר האָבן אַנגעווענדט אַלע מיטלען צו פאָרן וואָס גיכער קיין פוילן. אַ דאַנק דער מיטהילף פון דר. רייכמאַן און מאָריס ערענסט, האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דעם פוילישן גענעראַל קאָונסיל אין פּאַריז, ה. שוואָרדאַצקי און זיין סעקרעטאַריז, מאַדאַם ראַזאָווסקי, און זיי האָבן אונז געקראָגן פּלאַץ אין אַ פוילישן רעגירונגס עראָפּלאַן, וואָס האָט אונז גענומען קיין וואַרשע.

## אין וואַרשע

מיר דערנענטערן זיך צו וואַרשע . . . ביי מיר נעמט די האַרץ קלאַפּן שטאַרקער . . . איך ווייס אַז קיינער פון מיין משפחה וועט דאָרט ניט וואַרטן פאַר מיר . . . ניט מיין עלטסטער ברודער אברהם, דער גוטער מענטש, דער רייכער וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ האַלבע משפחה, ניט זיין גאָר קלוגע פרוי עלקעלע . . . איך ווייס אַז זיי זיינען מער ניטאָ. עס וועט ניט וואַרטן אויף מיר מיין עלטסטע שוועסטער שיינדעלע מיט איר גוטן שמייכל, ניט איר מאַן זעליק מיט זייערע קינדער . . . עס וועט ניט וואַרטן מיין קלוגע און געלערנטע שוועסטער רחלע, די וועלכע האָט מיך אַזוי ליב געהאַט. עס וועט מיך ניט אָפּוואַרטן מיין אינגסטער ברודער משה, דער שטענדיק פרייליכער און לאַ־כעדיקער . . . ניין, עס וואַרט ניט אויף מיר קיינער פון מיין גרויסער פאַ־מיליע. נאָך איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון ניו יאָרק, האָב איך שוין גוט געוואוסט, אַז איך האָב ניט אויף וואָס צו האָפן, אַז בלויז איין זון פון מיין שוועסטער רחל איז פאַרבליבן, דר. סאָפּערשטיין, און ער איז אויפן וועג קיין אַמעריקע און איין זון פון מיין ברודער משה, דוד האַדוואַהל, וועלכער

געפינט זיך אין דייטשלאַנד, אויפן וועג קיין אַמעריקע. בלויז די צוויי זיינען פאַרבליבן . . . ווייטער איז מער ניט געבליבן . . .

אין דרויסן איז שוין פינסטער, פון דעם פליגל פון ערעפּלאַן זעט זיך איצט שוין שאַרף דאָס רויטע לעמפּל. עס באַווייזן זיך פייערלעך פון אונטן. "דאָס איז וואַרשע", שרייט אויס אַ פרוי אין עראָפּלאַן. איך וואַרף זיך צום פענסטערל, עס דאַכט זיך, אַז מיר זיינען איבער אַ דאָרף, ניט אַ גרויסע שטאָט. באַלד נעמט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּלאָזן, און אָט לאַנדען מיר שוין איבער אַ צובראָכענעם וועג, פול מיט לעכער און גריבער. עס איז פינסטער אויפן פלי־פּלאַץ. מיר ווייזט אויס, אַז דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט אין אַ ווילדערניש . . .

עס באַווייזט זיך אַ מאַן אין מיליטערישע קליידער. ער בייזערט זיך אויפן פּאַילאָט. ער האָט טענות פאַרוואָס יענער איז געקומען אַזוי שפּעט... דער פּאַילאָט פאַרענטפערט זיך, ער האָט געבלאָנדזשעט. מיר גייען אַרויס פון עראָפּלאַן. איך קוק זיך אַרום. אַלץ וואָס איך זע אין דער פינסטער, איז חורבות.

אין דעם קליינעם וואַרט־צימער לאָזט מען אונז וויסן, אַז דער פלי־פּלאַץ איז שוין געשלאָסן . . . עס איז ניטאָ מער ווער ס'זאָל אונז אַוועקפירן אין שטאָט אַריין, צום האָטעל, און אַז מיר וועלן מוזן איבערוואַרטן די נאַכט אויף די האַרטע בענק. די נייעס האָט שיער ניט געמאַכט די צוויי דאַמעס, דיפּלאָמאַטקעס, צום וויינען. זיי און די אַנדערע פּוילישע באַאמטע, וואָס זיינען געקומען מיט אונז פון פּאַריז, נעמען קוקן אויף מיר אַלס זייער איינציקער רעטער, ווייל דער אויפזעער פון פלי־פּלאַץ האָט זיי געזאָגט, אַז אויב איך וועל טעלעפאָנירן צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, וועט יענער שיקן אַהער אַן אַמעריקאַנער טראָק, וואָס וועט אונז ברענגען אין שטאָט אַריין.

איך לאָז זיך אַביסל בעטן, אָבער אַזוי ווי איך און מיינע צוויי חברים ווילן אויך גיין שלאָפן, נעם איך דעם טעלעפאָן און רוף אָפּ די אַמבאַסי. עס איז שוין באַלד עלף אַזייגער, אָבער איך קריג אים גלייך אויפן טעלעפאָן. איך דערקלער אים מיין פאַרלאַנג. ער איז גאָר פריינטלעך און זאָגט מיר, אַז אין 15 מינוט צייט וועלן מיר האָבן אַ וואָגן.

אַזוי איז טאַקע געווען, עס איז אָנגעקומען אַ גרויסער אַרמיי טראָק. מיר זיינען אַלע אַריין און גענומען פאָרן צום האָטעל פּאָלאָניע.

אין דער טונקעלער נאַכט האָבן מיר געזען חורבה נאָך חורבה, הויז ביי הויז רואיגירט, חרוב. פרידמאַן זיצט ביים סאַמע עק פון טראָק און ברעכט זיך די הענט. זיין פּנים איז טויט־בלאַס. איך און דרעוונאָוויטש שווייגן. איך טראַכט וועגן דער געטאָ . . . מיר קומען אָן צום האָטעל פּאָלאָניע, אויף דער יעראָזאָלימסקי אַלעיען און מאַרשאַלקאָווסקי גאַס, דאָרט, וואו עס האָט זיך אַמאָל געפונען דער ווינער וואָקזאַל. היינט איז דאָרט אַלץ חרוב.

אין האָטעל געפינעז מיר באַלד אויס, אַז עס איז פאַר אונז קיין פּלאַץ ניטאָ, כאָטש מיר האָבן געמאַכט רעזערוואַציעס. עס איז שלעכט, ניטאָ וואו צו שלאָפן אין וואַרשע . . . מיר טרעטן ניט אָפּ פון דער לאָבי. באַלד באַווייזט זיך דאָרט דזשאָו אַרנאָלד. ער שטייט דאָרט איין. ער איז אין וואַרשע אַלס פאַרשטייער פון דער פּוילישער פעדעראַציע. ער באַט אַן פּלאַץ צו שלאָפן אין זיין צימער פאַר צוויי מענטשן. אַ דעלעגאַט פון ארץ ישראל באַט אַן איין פּלאַץ. האָבן מיר שוין אָרט וואו איבערצושלאָפן די נאַכט . . . איך

גיי שלאָפן. פון דעם פענסטער פון אַרנאָלדס צימער זע איך ווידער חורבות און חורבות. איך לייג זיך שלאָפן . . . די ערשטע נאַכט אין דער רואינירטער וואַרשע . . .

באַלד אין דער פרי בין איך שוין געווען אין גאַס. אַרומגעקוקט זיך, פּרובירט צו דערקענען די גאַסן אַרום דעם האָטעל. אָבער אומזיסט, אַלץ איז אַנדערש. איך דערקאָן ניט קיין איין גאַס. אַלץ איז צובראָכן. שפּעטער פּרובירן מיר גיין עסן פרישטיק, אָבער עס עסט זיך ניט. מיר באַשליסן צו גיין צום "דזשאָינט". קיין צימער אין האָטעל האָבן מיר נאָך אַלץ ניט, אפשר וועט דער "דזשאָינט" העלפן?

גראָד האָט זיך אין יענער צייט אין וואַרשע געפונען דר. דזשאָסעף שוואַרץ, דער אייראָפּייאישער דירעקטאָר פון דער "דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע". איך, פרידמאַן און דרעוונאָוויטש, זיינען פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן פון דר. שוואַרץ און פון דעם דירעקטאָר פון דער "דזשאָינט" אין פּוילן, ווילִיאַם באַין און פון מר. באַינס געהילף מר. גיטלאָ־באַרסקי. די צוויי שעה וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט, זיינען געווען פאַר אונז ניט נאָר אנגענעם און אינטערעסאַנט, נאָר אויך זייער באַלערנד. מר. שוואַרץ האָט אונז געגעבן זייער פיל וויכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון אידן אין פּוילן, אומפאַרטייאישע אינפאָרמאַציע. וועגן זיינע אונטערהאַנד־לונגען מיט דער רעגירונג וועגן דער וואַלוטע־פראַגע פון דאלאר, וועגן דעם צענטראַל קאָמיטעט פון פּוילישע אידן און וועגן דער גרינדונג פון די לאַנדס־מאַנשאַפטן אין פּוילן.

איך האָב איבערגעגעבן צו דר. שוואַרץ מיינע "קרעדענשעלס" פון דער אַמעריקאַנער "דזשאָינט", אַז איך בין אַ דעלעגירטער פון דער "דזשאָינט" צו באַקאַנען זיך מיט דער לאַגע פון די אידן אין פּוילן. מער האָב איך מיט דר. שוואַרץ וועגן דעם ניט גערעדט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז פּאַרלויפּיק וויל איך וויסן אַלץ וואָס איז נוגע די לאַגע פון די וואַרשעווער אידן.

דר. שוואַרץ, מר. באַין און מר. גיטלאָ האָבן אונז איבערגעגעבן פיל מער אינפאָרמאַציע ווי מיר האָבן געדענקט צו קריגן. אַלץ איז אונז געגעבן געוואָרן מיט האַרציקייט. מ'האָט סערווירט טיי מיט קיכלעך, אמתע וואַר־שעווער קיכלעך. דר. שוואַרץ האָט גערופן דעם מענעדזשער פון פּאָלאָניע האָטעל, מר. שעראַצקי, און באַלד איז געקומען דער ענטפער, אַז אַזוי גיך ווי מיר קומען צוריק אין האָטעל, וועלן מיר שוין האָבן אַ צימער גרייט...

דר. שוואַרץ און מר. באַין האָבן אונז אויך געזאָגט אַז מיר קאָנען זיך באַנוצן מיטן אויטאָמאָביל פון "דזשאָינט", ווען מיר ווילן. מיר האָבן טאַקע באַלד אָנגענומען דעם אָפּפער, אַז דער "דזשאָינט" שאָפער מיט דעם גרויסן "לימאָזין" זאָלן אונז נעמען קיין לאָדז מיט צוויי טעג שפּעטער.

ווען מיר זיינען אַוועק פון "דזשאָינט", האָב איך געוואָרט צו הערן וועגן דעם איינדרוק וואָס אונזער וויזיט האָט געמאַכט אויף פרידמאַן און דרעוו־נאָוויטש, איבערהויפּט אויף פרידמאַן, ווייל ער האָט געהאָט, צו יענער צייט, ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן "דזשאָינט". ער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע מענטשן אין אַמעריקע, וואָס האָבן דאַן כסדר אַטאַ־קירט דעם "דזשאָינט". ער איז געווען קאַלט און סקעפּטיש צו אַלץ וואָס איז געווען פאַרבינדן מיטן "דזשאָינט", און אַפילו געקוקט אויף מיר מיט פאַר־דאַכט, צוליב מיין לאָיאַליטעט צום "דזשאָינט".

וועל, פרידמאַן איז געווען "פריטשמעליעט". ער האָט, ווייזט אויס, ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. אַפילו דרעוונאָוויטש, וואָס איז אימער געווען אַן אַנהענגער פון "דזשאָינט", אָבער לעצטנס געווען צו זיי אַביסל קאַלטלעך, צוליב געוויסע זאַכן, אַפילו ער האָט ניט געקאָנט צוריקהאַלטן זיין באַגייסטערונג און לויב צו דר. שוואַרץ, מר. באַין און מר. גיטלאַ.

פרידמאַן האָט מיך געבעטן אַז יוען מיר וועלן נאָכמטאָג האָבן אונזער ערשטע קאָנפערענץ מיט דעם "צענטראַל קאָמיטעט פון פוילישע אידן", זאָל איך דאָרט ניט זאָגן גאָרניט וועגן געוויסע אויסקונפט, וואָס מיר האָבן גע־קראָגן פון "דזשאָינט" וועגן די הילף וואָס מיר דאַרפן געבן צו די וואַרשע־ווער אידן. איך האָב אים צוגעזאָגט, אָבער אים פאַרזיכערט אַז דער "דזשאָינט" האָט דאָס אונז געראָטן טאָן, ווייל דאָס ניט זיין קעגן דעם ווילן און פּראָגראַם פון "צענטראַל קאָמיטעט" און עס איז געווען מערקווירדיק, אַז גלייך אין אָנהויב פון דער זיצונג מיטן "צענטראַל קאָמיטעט" האָבן די פאָרשטייער פון קאָמיטעט אונז געראָטן טאָן דאָס זעלבע וואָס דר. שוואַרץ האָט אונז געראָטן . . .

אַרום מיטאָג צייט האָבן מיר געהאַט אונזער ערשטע זיצונג מיט די פירער פון "צענטראַל קאָמיטעט" אין זייער הויז אין פּראַגע, אויף שעראַקע נומער 5. צען מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט, צוזאַמען מיט דר. עמיל זאָ־מערשטיין, דער פאָרזיצער, זיינען דאָן געווען אין אַמעריקע. דעם פאָרזיצערס פּלאַץ האָט דאָן פאַרנומען אַדאָלף בערמאַן. אָבער בערמאַן איז גראָד יענעם טאָג געווען פאַרנומען, האָט זיין פּלאַץ, אַלס פאָרזיצער, פאַרנומען דר. פּיש־גרונד, דער פירער פון בונד, וועלכער איז מיט אַ צייט פריער געווען אין אַמעריקע. ער איז אַ אייִדעלער מענטש, מיט פיל טאַקט און האָט אויף אונז גע־מאַכט גאָר אַ גוטן איינדרוק.

עס האָבן דאָרט גערעדט זשעליצקי, דער גענעראַל־סעקרעטאַר, פּאַלק, זאַכאַרעץ און קאַסאָוער, אַ פירער ביי די פוילישע ציוניסטן. אגב, האָט זיך טאַקע דער קאַסאָוער אַרויסגעוויזן צו זיין שאַרף און אַגרעסיוו, ווען מיין מיט־דעלעגאַט, ק. פרידמאַן, האָט זיך שאַרף דאָרט אויסגעדריקט וועגן די ציוניסטן, וועלכע האָבן דאָן אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע אַרויסצונעמען אידן פון פוילן קיין ארץ ישראל. עס איז שיער געקומען צו אַן ערנסטן צוזאַמענ־שטויס צווישן קאַסאָוער און פרידמאַן. מיר איז אָבער געלונגען איינצושטילן ביידע קעגנערישע צדדים, וואָס האָבן זיך גלייך געשאַפן אין דעם צימער.

אין אַלגעמיין איז די זיצונג געווען אַן ערנסטע און האָט שפּעטער גע־בראַכט גוטע רעזולטאַטן פון די אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן געקראָגן פון דעם צענטראַל קאָמיטעט און די אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן געקראָגן פון וועגן אונזער קומען און אונזערע צילן.

צומאָרגנס זיינען מיר, אין באַגלייטונג פון די פריינט י. באַל און ניסקער, געפאָרן זען די קינדער היים אין אָטוואָצק. באַל איז אַן ערנסטער און קאַל־טער מענטש, שטרענג פּאַרטייאיש (קאָמוניסטיש). ניסקער איז אַ פלינקער לעבעדיקער חברה־מאַן, אַלץ ווייסט ער, אַלץ און אַלעמען קאָן ער און קיין זאַך איז אים ניט צו שווער. ביידע זיינען געווען צו אונז פריינטלעך און באַהילפיק.

אין דער קינדער היים זיינען דאָן געווען 125 קינדער. אַ דריטל פון זיי

האָבן יענעם טאָג געמוזט זיין אין בעט, ווייל זיי האָבן געמאָזלט. מיר האָבן דאָרט געפונען אָרדענונג, ריינקייט און פיינער פאַרוואַלטונג.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן, מיט נאָך פיל מער לויב, וועגן דעם סאַנאַ־טאָריום פאַר שווינדזיכטיקע קינדער אין אָטוואָצק. די הויפּט־אויפזעהערין דאָרט איז מאַדאַם ראָזענבערג, וועלכע מיר האָבן פּשוט באַוואונדערט פאַר דעם אופן ווי אַזוי די הויז ווערט פאַרוואַלטעט. די קינדער דאָרט זיינען פּיצ־לעך, גאָר יונגע, אַלץ אין דעם סאַנאַטאָריום איז די ריינקייט אַליין. מאַדאַם ראָזענבערג איז אינטעליגענט, פייאיק און צוגעפּאַסט צו דעם אַמט וואָס זי פאַרנעמט. זאָל זי געבענשט זיין.

אונזער זיצונג, יענעם אָוונט, מיטן וואַרשעווער וואַיעוואָדישן קאָמיטעט, אויף טאַרגאָווע 49, אין פּראַגע, איז געווען אַ וויכטיקער. מיר האָבן זיך דאָרט באַקאָנט מיט דער אַרבעט פון דעם וואַרשעווער קאָמיטעט און מיט די גרויסע נויטן פון דעם ביסל אידן אין וואַרשע. אַחוץ דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט ה. באַל, האָבן זיך דאָרט באַטייליקט אין דער זיצונג און גערעדט צו אונז די פריינט לעוו, לייטער פון פּראָדוקטיוויזאַציע, לערמאַן, טשיזשעק, לעמבער־גער, ביסקער און שטאָקפיש. מיר האָבן פיל געלערנט פון זייערע אויסקונפטן און געבעטן צייט מיט אונזער ענטפער, ביז מיר וועלן דורכרייזן אַנדערע שטעט אין פוילן וואו עס געפינען זיך גרעסערע צענטערן פון אידן.

יענעם אָוונט איז צו אונז אין האָטעל געקומען אַ דעלעגאַציע פון וואַר־שעווער אידן אין ריכבאָך. דאָרט, אין יענער שטאָט, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ וואַרשעווער פאַראיין. זייער דעלעגאַציע איז געקומען קיין וואַרשע צום "דזשאָינט" און "צענטראַל קאָמיטעט". אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעפונען אַז אין וואַרשע איז איצט דאָ אַ דעלעגאַציע פון וואַרשעווער אידן אין אַמעריקע, זיינען זיי געקומען מיט פרייד צו אונז, ווי עס קומט אַ ברודער צו אַ ברודער, וועמען ער האָט שוין לאַנג ניט געזען.

די דריי דעלעגירטע פון די וואַרשעווער און ריכבאָך זיינען געווען וואָלף אַלפערט, טוביה טעלער און יאַקאָב גרינבוים. מיר האָבן פאַרבראַכט מיט אונזערע דריי לאַנדסלייט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. צוגעזאָגט זיי צו זיין אין ריכבאַך אין עטלעכע טעג שפּעטער, ווען מיר וועלן זיין אין שלעזיען.

## אין דער וואַרשעווער געטאָ

צומאָרגנס אינדערפרי זיינען מיר אַוועק זען די חורבות פון דער וואַר־שעווער געטאָ. איך וואָלט זייער וועלן אויסלאָזן דעם קאַפּיטל, ניט שרייבן וועגן דעם, ווייל עס קומט מיר אָפּ געזונט ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם. ספּעציעל ווען איך דאַרף שרייבן וועגן יענעם מאָמענט, ווען מיינע פיס האָבן באַטרעטן די געוועזענע אידישע גאַסן פון וואַרשע, דזשיקע, נאַלעווקעס, נאָוואָ־ליפּיע, דזשעלנע, פּאַווע, ניזקע, קאַרמעליצקי און גענשע. איך קאָן מיט ווער־טער ניט איבערגעבן די איבערלעבונג. מ׳ווערט פּשוט שטים, אָן לשון, מ׳קאָן אַ וואָרט ניט אויסרעדן ווען מ׳דערזעט, מיט אייגענע אויגן וואָס עס איז געבליבן פון אונזער אידישער וואַרשע. איך האָב אומזיסט געזוכט די גאַסן וואו איך האָב זיך אַלס קינד געשפּילט, וואו איך בין אין חדר געגאַנגען. ניטאָ, גאָרניט ניטאָ, פּוסט, חורבות און חורבות. קיין צייכן ניט פון אַ הויז, פון אַ גאַס, ליידיק און פּוסט איז דער גאַנצער שטח פון סטאַווקע גאַס ביז

צום זאַקסישן גאָרטן. לײדיק, בלויז צווײ קירכעס זײנען געבליבן, אײנע אויף די לעשנע און די צווײטע אויפן גזשיבאָוו. מער איז גאָרניט דאָ.

מיר זײנען פון דער געטאָ אַוועק, נאָכדעם ווי מיר האָבן געלײגט אַ קראַנץ בלומען אויפן דענקמאָל פאַר די קדושים פון דער וואַרשעווער געטאָ, אין דעם נאָמען פון דער גאַנצער וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט פון אַמעריקע. מיר זײנען אַוועק אויף דעם וואַרשעווער אידישן בית עולם אויף דער גענשע און אָקאָפּאָווע גאַס. איך האָב געזוכט דעם קבר פון מײן טאַטן און ניט געקאָנט צוקומען דאָרט. אַלץ איז צעוואָרפן, צעהאַקט, פאַרוואַקסן און פיל מיט גריבער און ״בונקערס״ אונטער די קברים. עס איז אַ געפאַר צוצוגײן צו אַ קבר. איך בין געשטאַנען פון װײטן פון מײן טאַטנס קבר, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. איך האָב געזוכט מײן מאַמעס קבר, זי איז געשטאָרבן אין 1941 און ניט געקאָנט געפונען. איך האָב זיך אַרומגעדרײט אַרום די מצבות פון פּרץ, אַנסקי, דינעזאָן, אסתר רחל קאַמינסקי, ברוך שולמאַן און אַנדערע אַנגעזעענע וואַרשעווער אידן און געזען דעם גרויסן מאַסן־קבר, וואו טויזנטער אידן זײנען באַגראָבן געוואָרן. איך האָב מער ניט געקאָנט דאָרט זײן. איך האָב זיך געאײלט צוריק צום האָטעל.

אין דעם צימער וואו איך, פרידמאַן און דרעוונאָוויטש זײנען אײנגעשטאַנען, אין האָטעל פּאָלאָניע, איז שוין געווען טונקל. מיר האָבן ניט געמאַכט קײן ליכט, ס׳איז געווען בײ אונז יום כפור. מיר האָבן אַלע געשוויגן. פּלוצים האָט דרעוונאָוויטש זיך צעווײנט, הויך אויפן קול. איך האָב נאָך קײנמאָל ניט געזען און געהערט אַ מאַנסביל אַזוי װײנען. באַלד איז ער געוואָרן היס־טעריש. מיר האָבן פּרובירט אים אײנשטילן, אָבער ניט געקאָנט. איך האָב גערעדט צו אים מיט גוטן און מיט בײזן. עס האָט גאָרניט געהאָלפן. פרידמאַן האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז אַרויס פון צימער. איך בין געבליבן דאָרט און אַלץ פּרובירט אים אײנשטילן. עס האָט ניט געהאָלפן. ווער ווײס ווי לאַנג דאָס וואָלט אַזוי אָנגעהאַלטן, ווען עס קומט ניט אַרײן צו אונז אַ פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט בײם ״דזשאָינט״ אין וואַרשע. אַ יונגע שײנע פרוי, מאַדאַם קאָרענפעלד. זי האָט פּרובירט אײנשטילן דרעוונאָוויטשן. עס האָט ניט געהאָלפן. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. זי האָט גענומען פאַר מיר שילדערן איר טראַגעדיע, אירע איבערלעבונגען אין דער צײט פון דעם געטאָ־קאַמף און איר קאַמף צו ראַטעווען איר אײנציק קינד, וואָס געפינט זיך איצט אין אַ סאַנאַטאָריום.

די געשיכטע פון אירע איבערלעבונגען זײנען געווען אַזוי טראַגיש און אַזוי לעבעדיק געשילדערט, אַז דאָס האָט אײנגעשטילט דרעוונאָוויטשן. ער האָט זיך גענומען צוהערן, אויפגעזעצט זיך אויפן בעטל און ביסלאַכווײז זיך באַרוהיקט. דאָס איז געווען אַ געשיכטע פון אַ מאַמע, וועלכע האָט צען וואָכן צײט געזוכט איר קינד. אַלע האָבן איר געזאָגט, אַז זײ האָבן געזען ווי די נאַציס האָבן איר קינד מיט די שײנע גאָלדענע לאָקן פאַרברענט, אָבער זי האָט קײנעם ניט געגלויבט, ניט אויפגעהערט צו זוכן איר קינד. און ענדלעך טאַקע געפונען דאָס קינד לעבעדיק... זי האָט אונז געצײגט דאָס פלעשעלע סם וואָס זי טראָגט מיט זיך, אין פאַל איר קינד וועט ניט געזונט ווערן פון די שווינדזוכט, וועט זי מיטן סם ענדיקן איר לעבן . . .

שבת בײטאָג זײנען מיר געווען פאַרבעטן פון דר. שוואַרץ צו קומען עסן מיטאָג אין דעם אָפּיס פון וואַרשעווער ״דזשאָינט״. דאָרט איז דאָ אַן

אייגענע קיך און די עסן זיינען ערשטע קלאַס. מיר האָבן געהאַט דאָרט אַ פיינעם שבתדיקן מיטאָג און מיט אַ פיינעם שטראָדל. ביים עסן האָט דר. שוואַרץ אונז דערציילט, אַז דער ״דזשאָינט״ איז געקומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט דער פוילישער רעגירונג וועגן די געלט־פראַגן, און אַז זיי האָבן שוין איבערגעגעבן צום צענטראַל קאָמיטעט די ערשטע 90 מיליאָן זלאָטעס, און אַז זייער בודזשעט פאַר פוילן, אין די נעקסטע זיבן מאָנאַטן איז פינף און אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. זיי האָבן אונז אויך דערציילט וועגן די גרויסע זאַפּאַסן פון קליידער און געצייג וואָס זיי גיבן איצט איבער צום צענטראַל קאָמיטעט.

מיר האָבן פאַר דר. שוואַרץ, מר. באַין און מר. גיטלאַ, איבערגעגעבן וועגן אונזערע פּלענער. זיי האָבן אונז צוגעזאָגט פולע קאָאָפּעראַציע און אָראַנזשירט פאַר אונז צו פאָרן קיין לאָדז צומאָרגנס אין דער פרי, מיטן ״דזשאָינט״ אויטאָמאָביל. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם פיינעם האַרציקן צוזאַמענקונפט און די חברישע באַציהונג צו אונז פון די פריינט שוואַרץ באַין און דער ״זיידענער״ גיטלאַ.

צום סוף האָט דר. שוואַרץ אונז באַשאָנקען מיט עטלעכע וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ביכער.

# אין לאָדז

מיר זיינען געקומען אין לאָדז זונטיק בייטאָג. מיר האָבן באַלד געזען, אַז לאָדז איז מער אידיש ווי וואַרשע. מ׳זעט אידן אין די גאַסן, אַ סך מיט בערד, אידישע געשעפטן, וועלכע זיינען צוליב זונטיק פאַרמאַכט, אָבער מ׳לאָזט אַריין אַ קונה, ווען אַ פּאָליציי־מאַן זעט ניט . . .

אין לאָדז האָט מען שוין געוואוסט אַז מיר קומען, און די אידן האָבן זיך געגרייט געבן אונז אַ גרויסע אויפנאַמע. מיר האָבן שוין געזען אַפישן אין די גאַסן, אויף אידיש און פויליש, אַז מאָנטיק נאַכט וועט זיין אַ פאַרזאַמלונג אין אַ גרויסן זאַל. אונזערע צימערן אין דעם שיינעם גראַנד האָטעל זיינען באַלד געוואָרן דער צענטער פון אידישן לאָדז. עס זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון אַלע זייטן.

מיר זיינען געקומען קיין לאָדז אויסגעהונגערטע. מיר זיינען אַריין אין דעם רייכן רעסטאָראַן פון דעם האָטעל עפּעס עסן. איך האָב קיין פלייש דאָרט ניט געגעסן און אַ שעה נאָכן עסן בין איך באַלד קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן, אַז איך האָב געמיינט דאָס איך גיי אויס. איך האָב געמוזט איבערלאָזן אַלע דעלעגאַציעס און גיין אין בעט אַריין. יענע נאַכט האָב איך געמיינט, אַז איך וועל שוין פאַרבלייבן אין לאָדז . . .

אינדערפרי האָב איך געמוזט פאַרבלייבן אין בעט. כאָטש איך האָב געפילט בעסער. איך בין אָבער געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב אויף די פיס ניט געקאָנט שטיין. פרידמאַן און דרעוונאָוויטש זיינען אָן מיר אַוועק אין דער לאָדזער קינדער היים ״העלענאָווקע״ און געקומען צוריק פון דאָרט מיט פיל לויב פאַר די שיינער קינדער היים און מיט אַ ריזיקן בוקעט בלומען וואָס די קינדער פון דער היים האָבן אַרויסגעריסן פון דעם גאָרטן און געשיקט צו מיר אַ מתּנה . . . איך בין געווען פון דעם שטאַרק גערירט. זיך גלייך אָנגעטאָן און גענומען זיך צו דער אַרבעט . . .

אַרבעט איז געווען געגוג. אַלע דריי צימערן אין דעם האָטעל זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן. עס זיינען געקומען טויזנטער אידן, וואַרשוווער און ניט וואַרשעווער. פרידמאַן און דרעווגאָוויטש זיינען געווען מיד, איך האָב קראַנקערהייט, זיי געמוזט העלפן.

אין אָוונט איז פאַר אונז אַראַנזשירט געוואָרן אַ "באַגעגעניש" אין דעם ליטעראַטן פאַראיין. ביי אַ גלעזל טיי און צובייס, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אידישע שרייבער אין לאָדז. דער פאַרזיצער איז געווען בערל מאַרק, רעדאַקטאָר פון דעם "נייעם לעבן". ער איז אַ קלוגער מענטש, ער האָט אונז פיין באַגריסט, פאַרשטעלנדיק אונז פאַר די שרייבער.

עס האָבן גערעדט די פאָלגנדע שרייבער: אברהם סוצקעווער, גראָסמאַן, רובינשטיין, בערלינסקי, רחל אַרבאַך, חיים גראַדע, חיים לייב פוקס, נודעל־מאַן, אברהם זאַק, נחמן בליך, נחום באָמזע, בלומענטאַל, דער פאַרזיצער פון דעם היסטאָרישן קאָמיטעט, שמערקע, קאַטשעלאַנסקי, מוו, עלבערג און נאָך עטלעכע וועמעס נעמען איך האָב ניט פאַרשריבן.

די שרייבער האָבן אונז דערציילט אַלץ וועגן פּוילן און געוואָלט וויסן אַלץ וועגן אַמעריקע. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועגן דער היגער פּרעסע, וועגן טעאַטער און זיי האָבן זיך זייער גזאָרגט וועגן — אַנטיסעמיטיזם אין אַמע־ריקע . . . איך האָב זיי געזאָגט מיין מיינונג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע איז אַנדערש ווי איבעראַל און קאָן זיך דאָ ניט גרויס פאַנאַנדערוואַקסן, קאָן ניט ווערן קיין מאַסן־באַוועגונג און דערפאַר האָט עס ניט קיין קיום. עס זיינען באַרירט געוואָרן פילע אַנדערע פראַגן. ס'איז געווען אַ סימפּאָזיום און וויכטיקער אויסטויש פון געדאַנקען. אַ גאָר אינטערעסאַנטער אָוונט, וואָס איך וועל לאַנג געדענקען.

מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט די קאָאָפּעראַטיוון און "קבוצים" אין לאָדז. געטראָפן דאָרט אַ סך וואַרשעווער און פאַרבערענגט מיט די וואַרשעווער אי־דישע אַרטיסטן, וואָס זיינען דאָן געווען אין לאָדז, די ברידער ראָטשטיין, אָד־ווענטאַרזש, ליפּמאַן, קורלענדער, לוקסענבורג, אַבעלמאַן און אַנדערע.

ווען מיר זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג וואָס עס איז פאַר אונז אַראַנזשירט געוואָרן, האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן טויזנטער מענטשן. דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אידן, מענער און פרויען, און דער גרויסער הויף איז אויך געווען פול מיט מענטשן. מיר זיינען געוואָרן אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, מ'האָט געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס מיר האָבן דערציילט וועגן אַמעריקע. עס איז אויך געווען אַראַנזשירט אַ פיינער קאָנצערט. עס האָבן אנטיילגענומען אין דעם קאָנצערט אַ באַרימטע קינסט־לעריך, פידל־שפּילעריך, בראָניסלאַוואַ ראָטשטאַט און אַנדערע אַרטיסטן.

מיר האָבן זיך געאיילט "מאַכן אַ טרעין", אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום באַן, וואָס האָט אונז געזאָלט ברענגען קיין וראָצלאַוו, האָבן מיר אויס־געפונען אַז מיר קאָנען גאָרניט אַריין דאָרט, אין דעם פינסטערן וואַגאָן, כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ רעזערווירטע קופּע. עס איז געווען אָנגעפּאַקט ווי סאַרדינעס אין אַ קעסטעלע, אפילו אויף די דעכער זיינען געלעגן מענער און פרויען. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז אינדערפרי און צוריקפאָרן קיין וואַרשע, כדי דאָרט צו נעמען אַן עראָפּלאַן קיין וראָצלאַוו.

# אין נידער־שלעזיען

צו פאָרן אין פוילן מיט אַ עראָפּלאַן, איז ניט ווי דאָ אין אַמעריקע. עס איז דאָרט פיל שווערער צו קריגן אַ בילעט ווי דאָ, און אַז איר פאָרט מיט אַ טראַק צו דעם פלי־פּלאַץ, וואַרפט דאָס פון אייך אַרויס די קישקעס. אָבער עס טוט עפּעס אויף, ווייל אַז דער עראָפּלאַן נעמט זיך וואַרפן אין די לופט, אַרט דאָס אייך שוין ניט, ווייל עס איז ערגער געווען אין דעם טראַק . . .

מיר האָבן אין ווראצלאַוו געקראָגן אַ פיינע אויפנאַמע. די פירער אין דעם דאָרטיקן קאָמיטעט האָבן אַלץ געטאָן צו העלפן אונז לייכטער מאַכן אונזער אויפגאַבע, ספּעציעל פריינטלעך זיינען געווען די פריינט קוטשינסקי, לעשטש און סאָלאַרזש. מיר זיינען נאָך יענעם באַכמיטאָג געפאָרן קיין ריכ־באַך, כדי צו זען זיך מיט דעם קאָמיטעט פון וואַרשעווער.

מיר האָבן אין ריכבאַך פאַרבראַכט צוויי טעג און געהאַט, דאָס ערשטע מאָל, אַן הנאה פון אונזערע וואַרשעווער לאַנדסלייט. באמת וואוילע חברה. מאַנכע זיינען פיין איינגעשטעלט און זאָרגן זיך פאַר די וואָס האָבן ניט קיין היימען און קיין מיטלען צום לעבן. מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די ריזיקע פאַרזאַמלונג אין ריכבאַך, וואו עס זיינען געווען טויזנטער וואַרשע־ווער לאַנדסלייט. מ'האָט אונז אויף די הענט געטראָגן און געפרייט זיך מיט אונז ווי מיט אייגענע ברידער.

פונקט אַזוי פריינטלעך צו אונז זיינען געווען אונזערע פריינט אין ווראצ־לאַוו, בילאַווע, פּעטראָלעשע, אַלץ נייע צענטערן אין נידער־שלעזיען. מיר האָבן אויך פאַרבראַכט עטלעכע שטונדן ביי אינזשעניר וואָלף אַלפערט, דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער קאָמיטעט, ער און זיין פרוי זיינען זייער גאַסט־פריינטלעכע מענטשן.

ווען מיר זיינען געקומען צוריק קיין וואַרשע פון שלעזיען, האָבן מיר געמיינט אַז מיר וועלן איצט קאָנען רוהיק אויפנעמען די פראַגן ווי אַזוי פאַנאַנדערצוטיילן אונזערע געלטער. אָבער מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט. די גאַנצע זעקס טעג וואָס מיר זיינען פאַרבליבן אין וואַרשע זיינען געווען פאַר אונז זעקס שווערע טעג פון אַרבעט. פון זיבן אינדערפרי ביז עלף באַנאַכט, איז אונזער צימער אין האָטעל פּאָלאָניע געווען געפּאַקט מיט מענטשן. מיר האָבן פשוט געמוזט זוכן מיטלען ווי אַזוי אַרויסצורייסן זיך פון די מאַסן מענטשן צו גיין עפּעס עסן אָדער קאָנפערירן מיטן "צענטראַל קאָמיטעט" און "דזשאָינט".

מיר האָבן פאָרט גענומען זיך צייט, שפּעט אין מיטן דער נאַכט, אַנצור־נעמען אונזערע באַשלוסן. מיר זיינען אַ סך מאָל געווען פאַרנומען מיט אונ־זערע "מיטינגען" ביז צוויי, דריי אַזייגער פאַרטאָג. מיר האָבן זיך געאייניקט, ווען מיר האָבן אין וואַרשע איבערגעגעבן צו מר. באַין און מר. גיטלאָ פון דער "דזשאָינט" אונזערע באַשלוסן, זיינען מיר קאָמפּלימענטירט געוואָרן.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די "דזשאָינט" פירער אין וואַרשע ווי אמתע חברים. ביי גיטלאָ זיינען טרערן געשטאַנען אין די אויגן ווען מיר האָבן זיך געזעגנט.

מיטוואָך, דעם 19טן יוני, האָבן מיר געהאַט אַ לעצטע זיצונג אין "צענטראַל קאָמיטעט" און זיי איבערגעגעבן די געלטער וואָס מיר האָבן באַשטימט פאַר די פאַרשידענע "וואַרשעווער קאָמיטעס" אין פילע שטעט און פאַר פאַרשי־

דענע אַלגעמיינע צוועקן. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט אַלע פירער פון פוילנס אידנטום.

יענעם אָונט האָט דער וואַרשעווער קאָמיטעט אין פּראַגע אַראַנזשירט פאַר אונז אַ באַנקעט. גראַד איז דרעווגאָוויטש דאַן ניט געווען אין וואַרשע, ער איז אָפּגעפלויגן קיין וורצלאַוו אַרויסצונעמען אַ יתומהלע פון אַ קריסט־לעך הויז. איך און פרידמאַן זיינען געווען צום באַנקעט, וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט מיט גוטע עסן, געמאַכט פון די פרויען אין קאָמיטעט, גוטן ווין און גוטע רעדעס, געהאַלטן פון בערל מאַרק, זעליצקי, זאַנשיין, דער קאַ־סירער פון "צענטראַל קאָמיטעט", באַל, ניסקער, לעוו, שטאָקפּיש, אַדוועג־טאַרש און אַ צאָל אַנדערע אָנגעזעענע טוער פון פּוילישע אידן. עס איז געווען אַ טייערער האַרציקער אָונט. מיר זיינען אַוועק פון דאָרט צווי אַזייגער פאַרטאָג. די גאַסן אין פּראַגע זיינען נאָך געווען לעבעדיק. מיר האָבן גענומען אַן אויטאָמאָביל און געפאָרן צוריק אין האָטעל פּאָלאָניע און געטראַכט — "אַ שאָד שוין אַוועקצופאָרן פון וואַרשע".

צומאָרגנס זיינען מיר געווען זייער פאַרנומען, ס'זיינען געקומען אַלע אי־דישע פירער פון וואַרשע געזעגענען זיך מיט אונז. מיר האָבן באַדאַרפט אָפּ־פאָרן פון האָטעל צווי בייטאָג. צוואַנציק מינוט צו צווי איז ערשט דרעווגאָ־וויטש אָנגעקומען צוריק פון וורצלאַוו מיטן מיידעלע אויף דער האַנט. אויף גיך איז אַלץ אַראַנזשירט געוואָרן פאַרן קינד, און מיר זיינען אַוועק צום פלי־פלאַץ צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם.

ביי דעם האָטעל אויף די יעראָזעלימסקי אַלעיען, זיינען געווען אַ גרויסע צאָל מענטשן וואָס זיינען געקומען געזעגענען זיך מיט אונז די לעצטע מינוט. עס איז געווען אַ האַרציקע געזעגענונג. אין צוואַנציק מינוט שפּעטער זיינען מיר שוין געווען אויפן פלי־פלאַץ.

די גרענעץ באַאַמטע האָבן, ביים אונטערזוכונג, געוואָלט, אַז מיר זאָלן אָפּצאָלן פאַר די טויזנטער בריוו וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך. זיי האָבן לאַנג געדונגען זיך מיט אונז, ביז מיר איז איינגעפאַלן צו ווייזן זיי מיין "קרעדענשל" פון דעם "דזשאָינט". אַלץ איז באַלד געווען גוט און פיין...

ווען דער עראָפּלאַן איז שוין געווען אין דער לופט, האָב איך פון פענסטער געזען קלאָר דעם חורבן פון דעם אידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע. עס האָט אויסגעזען נאָך פיל שרעקלעכער ווי פון אונטן. איך האָב דערפילט אַ ווייטיק אין האַרץ און טרערן זיינען גערונען פון מיינע אויגן. איך האָב זיך אָפּגע־קערט פון פענסטער — "גוד באַי וואַרשע" . . .

## אין שוועדן

אַרום זיבן אַזייגער פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין שטאָקהאָלם. דער ליבער י. ביכאָווסקי, אָנפירער פון דער רעליף אַרבעט ביים דאָרטיקן "אידישן קאָנגרעס", האָט אונז שוין אָפּגעוואַרט ביי דער סטאַנציע. מיר זיינען גלייך אַוועק אין דעם אַריסטאָקראַטישן "גראַונד האָטעל", וואָס געפינט זיך גלייך אַנטקעגן דעם קעניגס פּאַלאַץ.

די דריי טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שטאָקהאָלם, זיינען געווען ביי מיר די פיינסטע פון מיין גאַנצע רייזע. עס איז געווען אַ וואַקאַציע. ניט

געקוקט אויף דעם וואָס אויך דאָרט זיינען מיר געווען זייער שטאַרק פאַרנומען מיט אַרבעט און אויפגענומען פילע מענטשן, דאָך איז דאָס געווען גאָלד אין פאַרגלייך מיט אונזער אַרבעט אין פוילן און אין פראַנקרייך.

אין יענער צייט, ענדע יוני, זיינען די טעג אין שטאָקהאָלם זייער גרויסע. עס איז כמעט קיין נאַכט ניטאָ. עס ווערט טונקל אַרום עלף אַזייגער און אַרום 12 פאַנגט שוין אָן צו טאָגן. מיר זיינען דעם ערשטן אָוונט פון אונזער אָנקומען אַריין אין דעם גאָר פיינעם וואַרענדע רעסטאָראַן פון גראַנד האָטעל צו עסן וועטשערע. די פענסטער גייען אַרויס צום וואַסער און צום קעניגלעכן פאַלאַץ. אַ חוץ מיר און פרידמאַן און דרעוונאָוויטש, איז אויך דאָרט געווען מר. אַרנאָלד פון ניו יאָרק, מר. ביכאָווסקי און אויך דר. הלל שטאָרק, איינער פון די וואונדערבאַרסטע פערזענלעכקייטן אין שוועדן. מיר זיינען אַריין אין רעסטאָראַן אַרום ניין אַזייגער, און אַזוי ווי אין שוועדן איילט מען זיך ניט ביים עסן, ווי ביי אונז אין אַמעריקע, זיינען מיר אַזוי געזעסן ביים טיש ביז עס איז פינסטער געוואָרן און ביז עס איז צוריק ליכטיק געוואָרן. אַרום איינס אַזייגער זיינען מיר ערשט אַרויס פון רעסטאָראַן. עס איז געווען פאַר מיר איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אָוונטן אין מיין לעבן.

דר. הלל שטאָרק איז אַ רייכער מענטש און גיט אָפּ כמעט זיין גאַנצע צייט צו העלפן די אידן וואָס זיינען אָנגעקומען אין שוועדן פון די נאַצי־לאַגערן און פון פוילן. כאָטש ער איז ניט קיין געזונטער מענטש, אַרבעט ער טאָג און נאַכט צו העלפן אידן וואַנדערער וואָס שטעלן זיך אָפּ אין שוועדן. עס איז ניטאָ אַ פלאַץ אין שוועדן וואו ער זאָל ניט קאָנען צוקומען. ער גיט אויס פיל פון זיין פאַרמעגן פאַר היימלאָזע אידן און דערצו אַרבעט ער טאָג און נאַכט אין דער ביוראָ וואָס גיט זיך אָפּ מיט העלפן אימיגראַנטן און קראַנקע אידן.

ווען י. ביכאָווסקי האָט פאָרגעשטעלט פאַר מיר הלל שטאָרק, האָט מר. שטאָרק מיר געזאָגט, אַז ער האָט וועגן מיר שוין געהערט פון פילע אַמעריקאַנער אידן וואָס זיינען געווען אין שטאָקהאָלם. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דער "סעמועל וואָהל" פון שוועדן . . . פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויסער קאָמפּלימענט. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז ער איז איינער פון די מערקווירדיגסטע מענטשן אין אייראָפּע, און איך קאָן זיך צו אים זיכער ניט פאַרגלייכן. עס איז אָבער געווען מערקווירדיג צו הערן מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען צוריק אין ניו יאָרק, אַז דער פאַרשטאָרבענער אידישער שריפטשטעלער און כלל־טוער, יעקב קירשענבוים, האָט מיך אָנגערופן "דער הלל שטאָרק פון ניו יאָרק". איך ווייס ניט ביז היינט פון וואַנען דאָס איז געקומען צו אים.

איך האָב אין שטאָקהאָלם געטראָפן זיך מיט פילע אָנגעזעענע אידן, צווישן זיי דער באַרימטער דאָקטאָר פון וואַרשע לעאָן קאָברינער מיט זיין פאַמיליע. מאַדאַם רחל קאָרען, באַרימטע שריפטשטעלערין און אַ צאָל אַנדערע. איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער לאַגע פון אידן דאָרט, ספּעציעל מיט דער לאַגע פון די יונגע מענטשן וואָס געפינען זיך אין די סאַנאַטאָריומס פאַר שווינדזיכטיקע. מיר האָבן אַראַנזשירט הילף פאַר זיי דורך דר. שטאָרק און י. ביכאָווסקי.

די דריי טעג אין שטאָקהאָלם האָבן אַביסל אויפגעהויבן מיין גייסט. נאָך די דריי וואָכן אין פוילן איז עס געווען אַ דערפרישונג פאַר מיין נשמה.

## די ״רוזוועלט קינדער-היים אין לאַ-וואַרען, לעבן פּאַריז



סעמועל וואָהל שטייט ביים אַריינגאַנג אין גאָרטן פון דער קינדער־
היים, וואָס איז געקויפט געוואָרען פון ״וואַרשעווער קאונסיל״ דורך דער
״פרויען דיוויזיע״



אַ גרופּע אידישע יתומים אין דער קינדער־היים אין לאַ־וואַרען, פראַנקרייך



סעמועל וואָהל האַלט אַ רעדע ביים באַנקעט פון די וואַרשעווער אין פּאַריז

**פון רעכטס צו לינקס: וואָהל, דר. רייכמאַן, פרידמאַן און דרעווּנאָוויטש**





אַ גרופּע קינדער אין פּאַריז עסן אַ "ביסעלע וואַרעמס"

# צוריק אין פּאַריז

מיר זיינען געקומען צוריק אין פּאַריז דעם 22טן יוני. עס האָט אויף אונז געוואַרט פּיל אַרבעט, און דערצו זיינען צענדליקע מענטשן צוגעשטאַנען צו אונז אַז מיר זאָלן קומען צו זיי מיטאָג עסן. מיר האָבן די מערסטע געמוזט אַנטוישן, דאָך זיינען מיר צו אייניקע מענטשן יאָ געגאַנגען און דאָרט באמת גוט פאַרברענגט. בלויז איין מאָל אין די גאַנצע פינף וואָכן האָבן מיר "זיך אָפּגעריסן" צו זען אַ פאַרשטעלונג פון די "גרינע פעלדער", געשפּילט פון אַ גרופּע "ליבהאָבער" אין פּאַריז. עס איז געווען אַ פיינע פאַרשטעלונג. מיר האָבן הנאה געהאַט.

זונטיק, דעם 30טן יוני, דעם טאָג ווען מיר האָבן אָפּגעפלויגן פון פּאַריז אַהיים, איז אין פּאַריז פאָרגעקומען די לויה פון די אַש וואָס מ'האָט געבראַכט פון אַשוויץ. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געהאָלפן אַראַנזשירן די ריזיקע דעמאָנסטראַציע און עס איז געווען זייער איינדרוקספול. די גאַסן זיינען גע־ווען שוואַרץ פון מענטשן. פילע האָבן ביטער געוויינט ווען די רעדנער האָבן געשילדערט וואָס היטלער האָט געטאָן צו מיליאָנען פאַמיליעס. איך בין געווען שטאַרק גערירט פון דער דעמאָנסטראַציע.

צען אַזייגער ביינאַכט זיינען מיר אָפּגעפלויגן פון פּאַריז. דער עראָפּלאַן האָט אַרומגעקרייצט די שטאָט פּאַריז. עס איז געווען אַ מערקווירדיקע שיינע פּאַנאָראַמע. באַלד איז געוואָרן אַלץ טונקל אַרום אונז. מיר זיינען אויפן וועג אַהיים.

פינף וואָכן האָט געדויערט מיין רייזע. פון דער צייט האָט מיר גענומען בלויז אַכצן שטונדן צו קומען פון ניו יאָרק קיין פּאַריז און זיבעצן שטונדן פון פּאַריז קיין ניו יאָרק. די איבעריקע צייט האָב איך פאַרבראַכט אין איי־ראָפּע, צווישן די אידישע מאַסן, צווישן די צוריקגעקומענע פון די גאַז־קאַמערן און קאָנצענטראַציע לאַגערן. אין די פינף וואָכן בין איך עלטער געוואָרן אויף פינף יאָר. פאַרלוירן 20 פונט פון זיך, כאָטש איך האָב דאָרט געגעסן מער, פיל מער, ווי איך עס געוויינטלעך דאָ אין אַמעריקע. אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען האָט מיר אויסגעגעסן אַ שטיק האַרץ.

איך האָב זיך אַ נדר געטאָן צו ווידמען די מערסטע פון מיין צייט און מיינע כוחות צו העלפן, מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, די געראַטעוועטע אידן, אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן דאַרפן אונזער הילף.

## צווייטער טייל

# וואַרשע

## איך בין געקומען "אַהיים" קיין וואַרשע

פון דער ערשטער מינוט וואָס איך בין אָנגעקומען מיטן עראָפּלאַן קיין פּאַריז, אויפן וועג קיין פּוילן, האָט מיין האַרץ גענומען פּלאַטערן. איך בין געווען אומגעדולדיק און נערוועז. כ׳האָב געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען אין מיין "היים-שטאָט" וואַרשע. שוין עטלעכע און דרייסיק יאָר ווי איך בין פון דאָרט אַוועק.

איך האָב די ערשטע נאַכט אין וואַרשע ניט געקאָנט שלאָפן. פאַרטאָג בין איך אַרויס אין דרויסן און גענומען זוכן די וואַרשעווער גאַסן. מיין זוכעניש איז געווען אומזיסט. אַרום דעם האָטעל אויף דער יעראָזאָלימסקי אַלעיע האָב איך געפונען בלויז סמנים פון הייזער, און אַזוי ביז דער אידישער געטאָ. אַלץ איז אויפגעריסן געוואָרן פון די דייטשן, איידער זיי זיינען אַוועק פון דער שטאָט. בלויז עטלעכע הייזער, דאָרט וואו עס האָבן זיך געפונען די נאַצישע באַאַמטע, זיינען געבליבן גאַנץ. שוין איבער אַ יאָר, ווי די פּוילישע רעגירונג מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צוריקצובויען אַביסל הייזער אין דעם געגנט פון נאָווי שוויאַט, מאַרשאַלקאָווסקאַ, יעראָזאָלימסקי אַלעיען און אַרומיקע גאַסן, די אַרבעט גייט אָבער זייער פּאַמעלעך. עס וועלן נאָך נעמען יאָרן ביז עס וועט אַמאָל זיך אויסבויען אַ שטאָטישער קוואַרטאַל.

די וואוינונגס-פּראַגע אין וואַרשע איז זייער אַ שווערע. עס קומען אָן מענטשן פון אַנדערע שטעט, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט איינאָרדענען אין וואַרשע, אָבער עס זיינען פאַר זיי ניטאָ קיין וואוינונגען. זיי מוזן, נאָך עטלעכע טעג אַרומבלאָנקען אין שטאָט, אַוועק פון דאָרט און זוכן זייער גליק ערגעץ אַנדערשוואו.

עס כאַפּט אָן אַ שרעק צו קוקן, וואָס עס איז געוואָרן פון וואַרשע. איר גייט פאַרביי טעאַטערס, רעגירונגס הייזער, פּאַלאַצן, וואָס זיינען אייך געווען גוט באַקאַנט פון אייער יוגנט, איר זעט אָבער נאָר חורבות, שטיקער ווענט, וועלכע דערמאָנען אָן דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס איז אָבער גאָרניט קיין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איר געפינט אין דעם געוועזענעם אידישן טייל פון שטאָט, דאָרט וואו עס איז געווען די געטאָ.

ווען איר קומט צו די אידישע גאַסן, ווי נאַוואָליפּקע, נאַלעווקעס, דזשיקע, פּאַוויע, דזשעלנע, מילע, גענשע און אַנדערע, פאַרלירט איר פּשוט דעם לשון. וויפיל איר האָט ניט געהערט רעדן, וויפיל איר האָט ניט געלייענט וועגן דעם חורבן אין דער וואַרשעווער געטאָ, מיינט נאָך גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער ווירקלעכקייט. איך האָב פּראָבירט זוכן אַ צייכן פון הייזער און גאַסן וואו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָרן; די הייזער וואו איך האָב געוואוינט, אין חדר געגאַנגען, — קיין סימן איז פון די אַלע ערטער נישט געבליבן.

איך האָב פּראָבירט זוכן די הויז אויף דער שווענטע-יורסקע נומער 34, דאָרט וואו מיין עלטערער ברודער האָט געוואוינט, דאָרט וואו מיין מאַמע האָט געלעבט — אַ גרויסער באַרימטער אידישער הויף, גאָרניט איז פון אים פאַרבליבן. איך פּרוביר זוכן די הויז אויף דער פראַנטשישקאַנער נומער 9, דאָרט וואו מיין שוועסטער מיט איר גרויסער פאַמיליע האָבן געוואוינט, גאָרניט איז פון דעם הויז פאַרבליבן. איך זוך מיינע באַקאַנטע ליבע הייזער אויף די נאַלעווקעס, ניזקע, דזשיקע, נייע-מילע, גאָרניט פאַרבליבן, קיין צייכן ניט פון אַ הויז. דער גאַנצער שטח פון דעם סטאַווקע ביז דעם גזשיבאָוו איז לער און פּוסט. קיין צייכן פון דעם אַז עס האָבן דאָרט אַמאָל געלעבט מענטשן, בלויז צוויי קירכעס זיינען געבליבן שטיין גאַנץ, אָבער טאַקע גאָרניט געריהרט. מיט אַ כיוון האָבן די נאַציס איבערגעלאָזט די צוויי קירכעס, איינע אויף דער לעשנע און די צווייטע אויפן גזשיבאָוו.

# אָט אַזוי זעט אויס וואַרשע!

## בילדער פון וואַרשע וואָס רעדן פאַר זיך אַליין



דאָס איז די נאַלעווקעס



דאָס איז די געגשע גאָס



די דזשיקע גאַס



סעמועל וואָהל, ס. דרעווניאָוויטש און ק. פרידמאַן לייגן אַ קראַנץ בלומען ביי
דעם דענקמאָל פון דער וואַרשעווער געטאָ

**דער צייכן X ווייזט די קירכע אויף לעשנא**



די לעשנע גאַס



די ניסקע גאַס



די בילד ווייזט די ״באַראַקן״ אויף דער טאַרגאָווע גאַס אין פראַגע. דאָרט
האָבן געוואוינט די אידן — איר קאָנט זען אַז די ״הייזער״ האָבן אַלע
באַקוועמלעכקייטן

בלויז אויפן עק דזשיקע און גענשע איז געבליבן א שטיקל חורבה פון דער געוועזענער קאזארמע, דאָרט וואו ס'איז געווען די קהלה פארוואלטונג אין דער צייט פון געטאָ.

איך שטיי אויף דעם פּלאַץ און קען ניט רעדן, ניטאָ קיין ווערטער, עס קלאַפּט די האַרץ אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, איך באַשליס אַוועקצוגיין פון דאָרט איידער עס געשעט עפּעס מיטן האַרץ . . .

איך וואַנדער איבער דער גענשער גאַס, איך זוך די הויז נומער 53, וואו איך האָב אַמאָל געוואוינט, איך זוך דאָרט די בעקעריי פון מענדל ביעלאַז, דאָס וויין־געשעפט, דאָס שפּייז־געוועלבעל. איך גיי אריבער די סמאַטשנע גאַס ביז צום אידישן בית עולם — אַלץ איז ליידיק און פּוסט.

איך גיי אַרויף אויפן בית עולם. פון אָנפאַנג דאַכט זיך, אַז דאָרט איז אַלעס ווי געווען. באַלד אָבער זעט איר, אַז אויך דאָרט איז נישט ווי געווען. דאָס רוב מצבות זיינען איינגעפאַלן, צעבראָכן, אונטער די מצבות זעען זיך גרויסע לעכער, דאָרט האָבן זיך אידן אויסבאַהאַלטן פאַר א שטיקל צייט. אַלע וועגן אויפן בית עולם זיינען פאַרשטעלט און פאַרלייגט. בלויז דורך די ערשטע אַלעיען קאָן מען דורכגיין.

איך פּרוביר אויפזוכן מיין טאַטנס קבר, אָבער עס איז אומזיסט מיין מי. עס איז אוממעגלעך צוצוקומען. איז אייל זיך ניט צו פאַרלאָזן דעם בית עולם, אָבער מען לאָזט מיר וויסן, אַז פאַרנאַכט איז מען דאָרט ניט זיכער מיטן לעבן. נאָך איצט קומען אַהין פילע מאַיוסע פאַרשוינען צו זוכן אידישן פאַרמעגן, ווי גאָלדענע ציין ביי די מתים . . .

איך וויל שרייען, שעלטן, איך וויל אַן ענטפער פון די הימלען, פאַרוואָס? פאַרוואָס איז דאָס אונז געקומען? אָבער צו וועמען זאָל איך שרייען? עס איז פּוסט דאָרט, ניטאָ קיין אידישע וואַרשע, ניטאָ די אידן, איך אייל זיך צוריק צו מיין האָטעל "פּאָלאָניע", דאָרט וואו עס געפינען זיך פאַרשטייער פון אַלע רעגירונגען, דאָרט וועל איך אפשר שרייען . . .

איך האָב דאָרט ניט געשריען . . . ניטאָ פאַר וועמען. אַלע אויערן זיינען פאַרשטאָפּט צו אונזער געשריי. אָנשטאָט שרייען — האָב איך זיך גוט אויסגעוויינט . . . באַוויינט מיין וואַרשע . . .

וואַרשע, 11טען יוני, 1946.

## די קליינע "טרעבלינקע" אין אַ וואַרשעווער הויף

**דער הויף אויף דער געוועזענער דזשיקא און גענשע. — דאָרט איז געווען די אידישע געמיינדע אין דער געטאָ. — טויזנטער אידן האָט מען דאָרטן פאַרברענט.**

דער ראָג גאַס פון דזשיקע און גענשע, דאָרט וואו עס איז געווען די סטאַנציע פון דעם פּראַגער טראַמוויי נומער פיר, איז געווען גוט באַקאַנט צו יעדן איד אין וואַרשע. דאָס איז געווען דער סאַמע צענטער פון אידישן געגנט. פון דאָרט איז געווען בלויז אַ קורצער בלאָק צו די נאַלעווקעס. און דאָרט ביי דעם קליינעם דרייעקיגן סקווער, זיינען שטענדיק געשטאַנען אידן וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם טראַמוויי צו פאָרן קיין פּראַגע.

דאָרט, אויף דעם ראָג, האָט זיך געפונען דער פּריזן (תפיסה) פון דער גרויסער קאַזאַרמע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער רעכטער זייט פון דער גענשע גאַס. די דאָזיקע תפיסה איז אין די געטאָ יאָרן באַנוצט געוואָרן אַלס די הויז פון דער וואַרשעווער אידישער געמיינדע. דאָרט זיינען געוואָרן אומגעבראַכט די פיינסטע פּערזענלעכקייטן פון דעם וואַרשעווער אידנטום.

איצט שטייען דאָרט בלויז צעבראָכענע ווענט פון דער דאָזיקער תפיסה. עטלעכע הויפן און טויערן זיינען דאָרט פאַראַן. יעדעס שטיקל צעבראָכענע וואַנט, יעדע צעבראָכענע פענצטער, יעדעס שטיקל אָרט וואָס איר באַטראַכט דאָרט, איז פול מיט צייכנס פון דעם גרויסן שרעקלעכן אומגליק וואָס עס איז באַפאַלן די אידן אין וואַרשע.

אין דרויסן פון דער רואינירטער געביידע, אויף דעם דרייעקיגן סקווער, איז ניט לאַנג צוריק געליגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם דענקמאָל פאַר די געפאַלענע העלדן פון דער געטאָ. קיין מער פאַסנדן פּלאַץ האָט מען ניט געקאָנט אויסזוכן פאַר דעם צוועק. דאָרט איז געווען דער צענטער פון דעם העלדישן קאַמף, דאָרט זיינען אומגעקומען די גרעסטע צאָל אידן אין וואַרשע, דאָרט איז די ערד אָנגעזאַפּט מיט אידיש בלוט, וואָס שרייט צו אייך אַרויס פון אונטער די חורבות.

איך בין דאָרט אַוועק צו לייגן אַ קראַנץ בלומען, אין דעם נאָמען פון דער וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט פון אַמעריקע. מיט מיר זיינען דאָרט געווען די צוויי פאָרשטייער פון די וואַרשעווער אין ניו־יאָרק, דרעגאַוויטש און פרידמאַן, עטלעכע באַאַמטע פון דעם וואַרשעווער אידישן קאָמיטעט און אַ גרופּע וואַרשעווער אידן וואָס זיינען דאַן נאָר וואָס געקומען צוריק פון רוס־לאַנד. עס האָט געזאָלט זיין עטלעכע רעדעס ביים לייגן דעם קראַנץ בלומען אויף דער באַזע פון דענקמאָל, אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט רעדן. שטילער־הייט זיינען מיר אַלע געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, די אַרומיקע פּוסטקייט פון די אידישע גאַסן האָט געדריקט דאָס האַרץ און ענג געמאַכט אין האַלז.

מיר זיינען דאַן אַלע אַריין אין די חורבות פון דער געוועזענער געמיינדע הויז. עס איז שווער, זייער שווער, איבערצוגעבן אויף פּאַפּיר וואָס מיר האָבן דאָרט געזען.

שוין אַנדערהאַלבן יאָר אַז די נאַציס זיינען פון וואַרשע פאַרטריבן געוואָרן. און דאָך איז דאָרט, אין יענע חורבות אויף דזשיקע און גענשע, נאָך אַלץ אַזוי פריש, גלייך ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. עס דוכט זיך אויס אַז די ערד אונטער אייערע פיס, וואָס איז פול מיט פאַרברענטע ביינער פון אידישע מענער און פרויען, איז נאָך וואַרעם פון דעם פייער. איר זעט דאָרט די גרויסע, לאַנגע לעכער אין דעם טויער, וואו מען האָט אידן אַריינגעוואָרפן און אָנגעפילט מיט וואַסער. איר זעט דעם גאַנצן ערשטן הויף פול מיט אויסגעשאָסענע קוילן, פון וועלכע די אידן זיינען דאָרט אומגעקומען. איר זעט צווישן די בערג אַש פון די אידישע קערפּערס, ליגן זאַכן וואָס די אידן האָבן מיט זיך מיטגענומען, מיט דער האָפענונג אַז זיי גייען דאָרט בלויז דערוויל: שליסלען פון זייערע דירות, שליסעלעך פון קאַסעס, האָר־נאָדלען, לעפעלעך, קליינע מעסערלעך, זייגערס, און אַנדערע הויז־זאַכן.

איר זעט אין דעם צווייטן הויף אַ קליין שטיבל אין וועלכן מען האָט אַריינגעלאָזט צו דרייסיק־פערציק אידן, פון לעבער וואָס קוקן אַרויס פון דער אויבערשטער טייל פון וואַנט האָט מען אַרונטערגעלאָזט כלאָראָפאָרם, פון וועלכען אַלע אין צימער זיינען דערשטיקט געוואָרן. שוין באַלד צוויי יאָר אַז דאָס שטיבל שטייט אָפן, אין רעגן און אין קעלטן, און ווען איר שטעקט אַריין אַ פוס אין דעם שטיבל, שטיקט אייך דער כלאָראָפאָרם וואָס געפינט זיך נאָך אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנץ היבש אין האַלז.

איר זעט באַלד אין דרויסן פון דעם דאָזיקן שטיבל אַ ריזיקע גרוב, וואו עס זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן די דערשטיקטע אידן וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון דעם שטיבל. עטלעכע טויזנט אידן זיינען דאָרט באַגראָבן געוואָרן. די ערד דאָרט איז זייער טיף איינגעזונקען, צוליב דעם וואָס די פלייש פון די באַגראָבענע קערפּערס איז מער ניטאָ . . .

איר זעט אין דעם דריטן הויף ריזיקע בערג מיט אַש. אַש פון אידישע מענער און פרויען, ביינער וואָס זיינען האַלב פאַרברענט. איר טוט אַ שאַר די אַש, אָדער די ערד, און איר געפינט שאַרבנס און גלידער פון מענטשן, פאַרברענטע קליידער, פאַרברענטע פאַרמעט פון אַ ספר תורה, בלעטלעך פון

א סידור, עטלעכע זייטלעך פון א בוך, א לער־בוך פאר קינדער. דאָס האָבן אידן מיטגעבראַכט מיט זיך ווען מען האָט זיי געבראַכט אין דעם "קליינעם טרעבלינקע". זיי זיינען נאָך אַלץ געווען מיט דער האָפענונג, אז עס וועט זיי געלינגען צו ראַטעווען זיך. אין א ווינקל פון דער חורבה, האָב איך געפונען א טייל פון א פאַרברענטער קאַפּאָטע. פון דער קעשענע האָבן ארויסגעשטעקט בלעטלעך פון א מחזור, אויפגעמישט אויף זייט 278, וואו עס געפינט זיך "הזכרת נשמות". אפשר האָט דער איר גראָד דאַמאָלט געהאַלטן אין זאָגן "יזכור", ווען עס איז געקומען זיין לעצטע שטונדע . . .

איך האָב דאָרט געפונען, און גענומען מיט זיך טיילן פון דר. פינקעל־שטיינ'ס בוך מיטן נאָמען "סטאָדיעס אין טאַנאיטיק מידראַשים", געדרוקט אין ענגליש און העברעאיש. איך האָב דאָרט געפונען בלעטלעך פון האַר־קאַווי'ס אידיש־ענגלישן ווערטערבוך. געוויס האָט זיך אימעצער געגרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע . . . איך האָב דאָרט געזען אַלע ווענט, אינעווייניג און אין דרויסן פול מיט לעכער פון קוילן, און רויטע צייכנס פון בלוט, וועלכע זיינען נאָך ניט אָפּגעוואַשן געוואָרן.

איך האָב דאָרט געזען די היילן (בונקערס) וואָס אידן האָבן געמאַכט כדי צו ראַטעווען זיך. לעכער אין די ווענט, וואו מענטשן זיינען געווען איינגעמויערט.

די מענטשן וואָס זיינען מיט מיר מיטגעגאַנגען אין דער "קליינער טרעבלינקע", זיינען אַלע געווען בלאַס און צוטומלט. עטלעכע האָבן געוויינט, אַנדערע זיינען שטיל־רעהייט ארויס פון דאָרט. זיי האָבן ניט געקאָנט איבער־טראָגן די האַרץ־קלעמעניש. באַזונדערס זיינען געווען גערירט און אויפ־גערעגט די גרופּע צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד. זיי האָבן געהערט דאָרט אין רוסלאַנד וועגן דעם חורבן אין וואַרשע. אָבער זיי האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט אַזאַ חורבן. עטלעכע מענטשן האָבן אויפגעהויבן ביינער און גלידער פון די פאַרברענטע קדושים, געוויס מיט גרייטקייט צו נעמען דאָס מיט זיך פאַר אַן אָנדענק. זיי האָבן אָבער באַלד חרטה געהאַט און דאָס צוריק אַוועקגעלייגט אין א ווינקל פון הויף.

מיר זיינען אַוועק צוריק אין דעם הויף וואו עס געפינט זיך דער גרויסער גרוב, וואו עס זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן טויזנטער אידן, מיר זיינען לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף דעם גרויסן ברודער־קבר. אַלע האָבן געשוויגן, פּלוצלונג האָט איינער פון די יונגעלייט, איינער וואָס איז ערשט ניט לאַנג געקומען צוריק פון רוסלאַנד, גענומען זאָגן "יתגדל ויתקדש שמה רבא ! . . ." ער איז געשטאַנען אָן א היטל, די געדיכטע לאַנגע שוואַרצע האָר האָבן אַראָפּגעהאַנגען איבער זיין שטערן און פאַרדעקט זיינע נאַסע אויגן. אַנדערע האָבן מיטגעוויינט. ווען ער האָט פאַרענדיגט, זיינען אַלע גיך ארויס פון דעם הויף.

אין דרויסן זיינען שוין געשטאַנען און געוואַרט א טייל פון אונזער גרופּע. וואָס איז פריער אַוועק. זיי האָבן געקוקט אויף אונז, געזען אונזערע פּנים'ער, אונזערע פייכטע אויגן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געפרעגט וואָס עס איז פאָרגעקומען. אַלע האָבן פאַרשטאַנען.

אין דרויסן האָט די זון געשיינט אויף חורבות פון דער געטאָ. מיר האָבן געזען די געוועזענע גאַסן פון דעם אידישן וואַרשע: די דזשיקע, גענשע, נאַלעווקעס, פּאַוויע, דזשעלנע, מילע, ניזקע — גאַסן וועלכע זיינען אונז געווען גוט באַקאַנט. גאַסן פון וועלכע עס איז קיין זכר ניט געבליבן. אַפילו ניט א שטיקל וואַנט. אפילו ניט קיין טיר, קיין צייכן פון א הויז. מיר האָבן געקוקט אויפן חורבן און דאָך האָבן מיר געפילט א דערלייכטערונג נאָכדעם וואָס מיר האָבן געזען אין דעם "קליינעם טרעבלינקע", די עטלעכע אַמעריקאַנער אידן אין דער גרופּע, האָבן זיך געשעמט צו זאָגן, אַז זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין באַגריף וואָס עס איז באמת פאָרגעקומען אין וואַרשע. אָבער מען האָט דאָס געלעזן פון זייערע פּנים'ער.

מיר זיינען אַוועק פון דער "קליינער טרעבלינקע" צובראָכענע מענטשן. מיר האָבן געטראַכט: הלואי קאָן מען ברענגען אַהין אַלע אַמעריקאַנער אידן

צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אונזער אייגן בלוט און פלייש. באַשרייבן דעם חורבן, אָדער דערציילן מיט ווערטער איז אוממעגלעך, מען מוז דאָס אַליין זען.

נאָך איצט קלינגט מיר אין די אויערן די שטימע פון דעם יונגן ריפּאַטריאַנט, — "יתגדל ויתקדש שמה רבא! . . ."

וואַרשע, 7טען יוני, 1946.

# דער אידישער העלד פון סטאַלינגראַד אין בערלין — איצט הונגעריג און אָפּגעריסן אויף די גאַסן פון וואַרשע

## אַ באַגעגעניש מיט מענדל זשאַסטאָוויטש. — זיינע מעדאַלן פאַר העלדישקייט אין דער סאָוועטישער אַרמיי. — אַ מעדאַל פון סטאַלינען און לויב־בריוו פון רוסישע פעלד־מאַרשאַלן.

מענדל זשאַסאָוויטש הייסט ער. געבוירן געוואָרן אין פּראַגע־וואַרשע, ביי אַ פיינער אידישער פאַמיליע. אין 1939, ווען די דייטשע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע, איז מענדל אַוועק נאָך רוסלאַנד. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּויליש־רוסישער בריגאַדע, געקעמפט אויף די פעלדער פון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, שפּעטער ביי סמאָלענסק, אויסגעצייכנט זיך אין דעם באַרימטן קאַמף ביי סטאַלינגראַד, געהאָלפן איינעמען וואַרשע, פאַרוואונדעט געוואָרן ביים טייך אָדער, געווען פון די ערשטע אריינצומאַרשירן אין בערלין, געקראָגן אויסצייכענונגס־בריוו פון די באַרימטסטע רוסישע גענעראַלן. זיין ברוסט איז באַדעקט מיט מעדאַלן, צווישן זיי אַ באַזונדערן מעדאַל פון "אים אַליין", דאָס הייסט, פון סטאַלין גופא. ער דרייט זיך אַרום איבער די וואַרשעווער גאַסן אַ הונגעריקער, מיט צוריסענע הויזן . . .

דאָס איז, אין קורצן, די געשיכטע פון אַ אידישן העלד, וועלכער האָט מיט זיין מוט און בלוט געהאָלפן באַזיגן די נאַציס. אין דער צייט, ווען ער האָט געקעמפט אויף די שלאַכטפעלדער, זיינען אַלע פון זיין פאַמיליע אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק. קיינער איז ניט געבליבן פון זיין גרויסער משפחה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פּראַגע און אין וואַרשע. איצט דרייט ער זיך אַרום איבער די גאַסן פון פּראַגע אַ הונגעריקער, אַן אַנטווישטער, זוכט אַרבעט און קאָן ניט קריגן, ווייל ער האָט ניט קיין וואוינונג, און אַז מען האָט ניט קיין דירה, קאָן מען קיין אַרבעט ניט קריגן; זוכט עסן און קאָן דאָס ניט קריגן; זוכט זיינע אומגעקומענע קרובים און — קאָן זיי ניט געפינען . . .

אָבער מענדל באַקלאָגט זיך ניט אויף זיין מזל. ער איז שוין צוגעוואוינט צו צרות. די זעקס יאָר, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די פאַרשיידענע שלאַכטן, האָבן אים פאַרהאַרטעוועט. ער רעדט שטיל, האָט ניט קיין טענות צו קיינעם. ווי ער וואָלט זאָגן אויף יעדער עוולה וואָס ער האָט, אַז געוויס דאַרף דאָס אַזוי זיין . . . אַזאַ וועלט האָבן מיר, און אַזוי איז זיין גורל.

מענדל דערציילט, אָן באַרימעריי, ווי אַזוי ער האָט אַנטייל גענומען אין דער ריזיקער שלאַכט אין די גאַסן פון סטאַלינגראַד. טאָג און נאַכט זיינען די "האַנט־צו־האַנט" שלאַכטן אָנגעגאַנגען. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער ניט געגעסן, ניט געשלאָפן און ניט געוואַשן זיך. צענדליקע מאָל איז מענדל געווען פּנים־לפּנים מיט גרופּן פון די געקליבנסטע נאַצישע "עס־עס" טרופּן. פילע פון די נאַציס זיינען אומגעקומען פון זיינע הענט. ער האָט געהאַט איין געדאַנק — צו הרג'ענען די מערדער פון אידישן פאָלק, די מערדער פון זיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברידער . . .

ווען די שלאַכט ביי סטאַלינגראַד איז געווען אַריבער, די נאַציס זיינען געשלאָגן געוואָרן, האָט מענדל געקראָגן אַן אורלויב אויף פיר וואָכן. צוויי וואָכן פון די פיר איז ער געווען אין אַ שפּיטאָל. כאָטש ער איז ניט געווען פאַרוואונדעט. ער איז אָבער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, מיד און שלעפעריק, אַז מען האָט אים אָפּגעשיקט אין אַ שפּיטאָל צו קאָנען קומען אַביסל צו זיך. אין די צוויי וואָכן איז ער געשלאָפן 18 שטונדן אַ טאָג, און ווען די צוויי וואָכן זיינען געווען אַריבער, האָט ער ערשט אָנגעפאַנגען צו באַגרייפן וואָס עס האָט געמיינט די שלאַכט ביי סטאַלינגראַד.

נאָך די פיר וואָכן, איז מענדל ווידער אַריין אין דער אַרמיי, ווידער אַנטייל גענומען אין פילע אָפּענסיוועס, וואָס די רויטע אַרמיי האָט דאַן אָנגעפירט קעגן די נאַציס. ער איז דאַן שוין געווען אַ וועטעראַן מיט צוויי מעדאַלן, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין העלדעשן קעמפן ביי סטאַלינגראַד. איינער פון די מעדאַלן איז געווען פון סטאַלינען אַליין, מיט אַ בריוו אונטערגעשריבן פון דעם מאַרשאַל און אַנדערע דריי גענעראַלן.

מענדל דערציילט פילע איינצלהייטן פון די פאַרשיידענע אָפּענסיוועס, וואָס די רויטע אַרמיי האָט דורכגעפירט אויפן וועג פון סטאַלינגראַד ביז וואַרשע. אָבער, ווי ער אַליין זאָגט, דאָס איז שוין מער ניט געווען קיין נייעס פאַר אים, נאָך סטאַלינגראַד. עס איז מער ניט געווען קיין איבעראַשונג, אָדער "טריל". ערשט ווען ער איז מיט זיין אָפּטיילונג צוגעקומען נאָענט צו וואַרשע, האָט זיין האַרץ גענומען קלאַפּן פעסטער און פעסטער. ער זאָגט מיר, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין פרומער, אָבער ער האָט דאַן גאָט געבעטן, אַז ער זאָל קאָנען דערלעבן אַריינצומאַרשירן אין וואַרשע, זיין "היים-שטאָט".

זיין וואונטש איז מקוים געוואָרן. מענדל האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע. זיין אָפּטיילונג, אין וועלכער עס זיינען געווען אַ צאָל פּאָליאַקן און מערסנטס אידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון פּוילן, האָט געקראָגן דעם כבוד צו זיין די ערשטע אַריינצומאַרשירן קיין פּראַגע. די נאַציס זיינען אַריבער די ווייסעל, נאָכדעם ווי זיי האָבן צעשמעטערט אַלע בריקן, וואָס פירן פון פּראַגע קיין וואַרשע. מענדל איז אַוועק זוכן די הויז, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט פאַר דער מלחמה, אויף דער טאָרגאָווע גאַס. דאָרט האָט ער קיינעם ניט געפונען. עס זיינען איבערהויפּט דאָרט קיין אידן ניט געווען, און אפילו פּאָליאַקן זיינען געבליבן גאָר ווייניג אין פּראַגע. די מערסטע זיינען אַוועק קיין וואַרשע מיט די נאַציס.

ער האָט געדויערט זייער לאַנג איידער די רוסן זיינען אַריין אין וואַרשע גופא. דורך דער צייט האָט מענדל געזען די פייערן און געהערט די גרויסע אויפרייסונגען, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין וואַרשע, אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד וואָס גענעראַל באָר האָט דאָרט אָנגעפירט. שפּעטער איז מענדל געווען פון די ערשטע מענטשן, וואָס זיינען אַריין אין וואַרשע. ער האָט געפונען די שטאָט אינגאַנצן חרוב, בלויז עטלעכע געציילטע הייזער זיינען געבליבן גאַנץ. מענדל דערציילט, ווי אַזוי ער איז באַלד אַוועק אין דעם אידישן געגנט אין וואַרשע, אין דער געטאָ. זיין פּנים ווערט בלאַס, די אויגן פול מיט האַס, ווען ער רעדט וועגן זיין ערשטן וויזיט אויף די חורבות פון דער געטאָ. ער דערציילט, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט, האָט ער זיך געבעטן ביי איינעם פון זיינע גענעראַלן, אַז מען זאָל אים געבן, פון איצט אָן, די שווערסטע און געפערלעכסטע מיסיעס קעגן די נאַציס. ער האָט געדורשט נאָך נקמה . . .

ביי די שלאַכטן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט אָנגעפירט ביים טייך אָדער, האָט מענדל געקראָגן די געלעגנהייט וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט זיך דאָרט העלדעש אויסגעצייכנט, געקעמפט ווי אַ לייב קעגן די מערדערישע נאַציס. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין רעכטן אָרעם. מען האָט אים אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל אויף זעקס וואָכן, אָבער נאָך 10 טעג האָט ער זיך

געבעטן, אַז מען זאָל אים ערלויבן צוריקצוגיין אין קאַמף קעגן די נאַצים. די רויטע אַרמיי איז דאַן געשטאַנען ביי די טויערן פון בערלין. מענדל האָט חשק געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף בערלין . . . און טאַקע צו זיין פון די ערשטע דאָרט אַריינצושטעלן אַ פוס.

זיין פאַרלאַנג איז באַוויליגט געוואָרן. כאָטש ער איז נאָך ניט געווען געניצלעך אויסגעהיילט פון זיין וואונד, איז ער אָבער גלייך געווען אין די ערשטע רייען אין דעם גרויסן פאַרביטערטן קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען הינטער בערלין, און שפּעטער אין די בערלינער גאַסן. מענדל האָט געקעמפט אין די סאָבוועיס פון בערלין, אין די פּאַרקס און אַנטייל גענומען אין די "הויז צו הויז" קאַמפן. פאַר זיינע העלדעשע טאַטן ביי בערלין איז ער געוואָרן באַלוינט מיט ניט ווייניגער ווי 3 מעדאַלן.

ווען די מלחמה איז געווען פאַרענדיגט איז מענדל געשטאַנען אַ שטיקל צייט אין בערלין. שפּעטער האָט מען זיין אָפּטיילונג, וואָס איז מערסטנס באַשטאַנען פון פּוילישע אידן, געשיקט קיין רוסלאַנד.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערשיקן פון פּוילישע אידן אין רוסלאַנד צוריק קיין פּוילן, האָט מענדל אויסגעקליבן צו פאָרן צוריק קיין וואַרשע. אָבער מען האָט אים, פּונקט ווי אַלע אַנדערע וואָס זיינען געפאָרן מיטן צוג, ניט געלאָזט אַפּשטייגן אין וואַרשע, נאָר געשיקט קיין שלעזיע. ער האָט דאָרט ניט געוואָלט זיין. עס האָט אים געצויגן קיין וואַרשע. ער איז טאַקע שפּעטער געקומען קיין וואַרשע.

דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר אים אַ לויפענעש אין די פאַרשידענע קאָמיטעס. איבעראַל האָט מען אים געהייסן צוריקפאָרן קיין שלעזיע, ווייל ער "באַלאַנגט" צו דעם דאָרטיקן קאָמיטעט. מענדל האָט אַהין מער ניט געוואָלט פאָרן. ער האָט שוין געוואוסט די גליקן דאָרט, און האָט באַשלאָסן, אַז אויב הונגערן, ווייל ער בעסער הונגערן אין וואַרשע . . . ער האָט זיך געוואַלגערט אין די שמוציקע באַראַקן אין פּראַגע און אין אָבאָטע, לעבן וואַרשע, ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן, ביז אַ אידישע פרוי אין פּראַגע האָט אויף אים רחמנות געהאַט און אים געהייסן קומען עסן מיטאָג ביי איר. קיין פּלאַץ צו שלאָפן האָט ער דאָרט ניט געקאָנט קריגן, ווייל די פרוי וואוינט אליין אין ענג צימערל ביי אַ קריסטלעכער פרוי.

ווען איך האָב געזעז מענדלען אין וואַרשע, איז ער אַרומגעגאַנגען אין זיין פאַרשמוצטן, צוריסענעם אַרמיי רעקל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זיבן גרויסע מעדאַלן פון דער רויטער אַרמיי. אין בוזעם-טאַש האָט ער געהאַט אַכט אָפיציעלע בריוו (סאַיטעישאַנס) פון די גרעסטע רוסישע גענעראַלן. די הויזן זיינען זיינע געווען פול מיט לאַטעס. ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן קליידער. איך האָב אים געגעבן אַ צעטעלע צום "דזשאָינט" קליידער-לאַגער. וואו ער האָט געקראָגן אַן אַנצוג. די דעלעגאַציע פון דעם "וואַרשעווער רעליף". וועלכע איז דאַן געווען אין וואַרשע, האָט אים אויך געגעבן אַביסל געלט-שטיצע. און מענדל איז געקומען אַביסל צו-זיך. דער טרויער און פּעסימיזם איז אַביסל אוועק פון אים.

מענדל האָט געבעטן אויפצוזוכן פאַר אים זיי פעטער אין אַמעריקע, מיטן נאָמען פּערלמוטער. ער ווייסט ניט זיין ערשטן נאָמען און ווייסט אויך ניט זיין אַדרעס. ער האָט געזאָגט, אַז זיין איינציקע שטרעבונג איצט איז אַלץ צו פאַרגעסן, אַפילו זיינע מעדאַלן און לויב-בריוו, קומען קיין אַמעריקע, גיין אַרבעטן און אָנפאַנגען אַ ניי לעבן . . .

מענדל, דער אידישער העלד פון סטאַלינגראַד, וואַרשע און בערלין, וויל אַלץ פאַרגעסן, וויל אוועק פון דער אַלטער וועלט און וויל געפינען אַביסעלע רואיקייט און אַ שטיקל ברויט אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע.

קען אימעצער האָבן טענות צו אים? . . .

# אַ מאַמע און איר קינד

איינע פון די מערקווירדיקסטע טראַגישע געשיכטעס וואָס איך האָב געהערט, "ערשטע האַנט", אין וואַרשע, איז געווען די געשיכטע פון דאַליע ק — . אַ יונגע בילד־שיינע פרוי פון אַרום 30 יאָר. אַ געשיכטע פון אירע אייגענע איבערלעבונגען, פון איר אייגענעם אומגליק און פיין.

"דאַליע" וואָלט די געשיכטע מיר זיכער ניט דערציילט, ווען ניט אַ צופאַל וואָס האָט פאַסירט ווען אַ פלעשעלע גיפט איז אַרויסגעפאַלן פון איר "פאַקעטבוק", ווען זי האָט דאָרט געזוכט אַ סיגאַרעט. איך האָב באַמערקט דאָס פלעשעלע, אויסגעדריקט איבערראַשונג, און געוואָלט דאָס נעמען אין האַנט. זי האָט דאָס אַ כאַפּ געטאָן, צוריק גיך אַריינגעלייגט אין בייטל, און אַ זאָג געטאָן — "עס האַלט נאָך ניט דערביי" . . .

דאַליע איז געקומען צו מיר בעטן אַ טובה פאַר אַ גרופּע יונגע מיידלעך וואָס לערנען זיך אין אַ פאַך־שולע אין וואַרשע. זי האָט געוואָלט פאַר זיי אַ סומע געלט פאַר קליינינקייטן וואָס זיי נויטיקן זיך אַחוץ דאָס עסן און קליידונג וואָס זיי קריגן פון די דאָרטיקע קאָמיטעס. ווען איך האָב צופעליק געזען דאָס פלעשעלע, און דערצו נאָך געהערט אין באַמערקונג אַז "עס האַלט נאָך ניט דערביי", און מיין פנים האָט אויסגעדריקט גרויס איבערראַשונג און נייגעריקייט, האָט זי מיט אַ טיכל אויסגעווישט זיך די טרערן פון אירע ברענענדיקע שיינע טונקל־ברוינע אויגן, און מיט שטילע טענער דערציילט מיר די פאָלגנדע געשיכטע.

זי און איר מאַן, אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, און זייער פיר יאָריקע בלאָנדע מיידעלע, זיינען אין דער צייט פון דעם געטאָ אויפשטאַנד אין יאָר 1943, געווען באַהאַלטן ביי אַ קריסטלעכע פאַמיליע אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע. די קריסטן זיינען געווען פריינטלעך צו זיי, און באמת איינגעשטעלט זיך דאָס לעבן, כדי אויסצוהיטן זיי פון די נאַציס, אָבער גלייך נאָך דער פאַרניכטונג פון דער געטאָ, האָט זיך פאַרשאַרפט דאָס זוכענעש אין די קריסטלעכע היימען. איר מאַן איז געכאַפּט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ און דערשאָסן געוואָרן.

דאַליע האָט זיך מיט איר קינד איבערגעקליבן צו אַ צווייטער פּוילישער פאַמיליע. אָבער ווען עס האָט זיך אין וואַרשע אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד פון די פּאָלאַקן, מיט גענעראַל באָר אין דער שפּיץ, האָט דאַליע געמוזט איבערלאָזן איר קינד ביי דער קריסטלעכער פאַמיליע. אַליין האָט זי זיך פאַרדונגען אַלס וועשערין ביי אַ פּאָלאַק. זי האָט מיט אַנגסט צוגעזען דעם גאַנצן קאַמף וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין שטאָט צווישן די פּאָלאַקן און דער דייטשער אַרמיי. מיט מוטשרעק פלעגט זי היטן די הויז וואו איר קינד איז געווען. דאָרט אַרום דעם הויז, זיינען אָנגעגאַנגען שלאַכטן. איר האַרץ האָט געצאַפּלט, אָבער צוגיין אַהין האָט זי ניט געוואַגט.

ווען די דייטשן האָבן געגרייט זיך צו פאַרלאָזן וואַרשע, צוליב דעם דרוק פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיי אויפגעריסן און אונטערגעצונדן כמעט יעדע הויז אין־וואַרשע.

אין אַ נאָכמיטאָג פון יענע טעג, האָט דאַליע מיט שרעק דערזען ווי די גאַנצע הויז, וואו איר טעכטערל האָט זיך געפונען, איז איינגעהילט אין פלאַמען. זי האָט געוואָלט לויפן אַהין ראַטעווען איר קינד, אָבער דאָרט, אַרום דער הויז, זיינען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטן מיט מאַשין־באַקסן, גראַנאַטן און טענקס. צוגיין אַהין וואָלט געמיינט זיכערער טויט. מיט פאַרצווייפלונג איז זי געשטאַנען פון וויטן, געבראָכן זיך די הענט און געזען ווי די הויז ווערט פאַרניכטעט אין פלאַמען . . .

מיט אַמאָל האָט זי דערזען ווי אַ גרופּע מענטשן קומען־אָן פון יענער זייט און דערנענטערן זיך צו איר. זי האָט באַמערקט אַז דאָס זיינען אַלע פרויען, וועמען די דייטשן האָבן ערלויבט אַרויסצוראַטעווען זיך פון דער ברענענדיקער הויז. זי האָט אין דער גרופּע דערזען די פרוי ביי וועמען איר

קינד איז געווען. זי האָט זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן צו איר מיט געשרייען — "וואו איז מיין קינד? וואו איז מיין קינד?" . . .

די פרוי האָט אויף איר אַ בייזן בליק געטאָן, אָפּגעשטויסן איר פון זיך, און בייז אויסגערופן:

"אַוועק פון מיר דו זשידאָווקע! דאָרט, אין פייער איז דיין קינד. אַוועק פון מיר, ווייל צוליב דיר וועט מען נאָך אונז אַלע דערשיסן" . . .

די פרויען זיינען אַוועק. דאַליע האָט געוואָלט זיי נאָכגיין, אָבער די גרופּע האָבן איר געוואָרנט אַז זיי וועלן איר איבערגעבן צו די נאַציס, אויב זי טשעפּעט זיך ניט אָפּ פון זיי . ..

דאַליע איז געבליבן אַליין, געקוקט אויף חורבות וואָס זיינען געבליבן פון דעם אויסגייענדיקן פייער. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע גרופּן פרויען פון די ברענענדיקע הייזער. זי האָט אַלע געפרעגט צי זיי האָבן ניט געזען אַ בלאָנדע מיידעלע פון פינף יאָר אַלט. עטלעכע האָבן איר געזאָגט אַז זיי האָבן געזען אַ פאַרברענט קינד אין די חורבות פון דער הויז אויפן ראָג גאַס.

דאַליע דערציילט אַז זי האָט דאַן מער שוין ניט געוואוסט וואָס עס איז מיט איר פאָרגעקומען. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך געפונען אויף דער ערד, אַרום דעם אָרט וואו זי איז פריער געשטאַנען. עס איז געווען אין מיטן נאַכט. אַרום איר איז געווען אַ טויטע שטילקייט. פון ווייטן האָט זיך געזען גרויסע פייערן וועלכע האָבן ליכטיק געמכאַט דאָס פּלאַץ וואו עס איז אַמאָל געווען די הויז וואו איר קינד איז געווען.

דאַליע האָט זיך גענומען שאַרן אויף דער קאַלטער ערד צו יענעם אָרט. זי איז אַזוי צוגעקומען צום ראָג גאַס. דאָרט איז די ערד נאָך וואַרעם געווען פון דעם אַש און פייער. זי האָט מיט די הענט געזוכט אין די חורבות, גערופן אין דער שטיל:

"ראָזאַליאַ, ראָזאַליאַ מיין קינד, קום צו דיין מאַמען, מיין קינד, ראָזאַליאַ" . . .

קיינער האָט ניט געענטפערט. זי איז דאָרט געבליבן אַ פאַר'חלש'טע ביז אין דער פרי. עטלעכע פרויען האָבן איר אַוועקגעטראָגן צו אַ פּוילישער פרוי אין הויז. דאָרט איז געקומען אַ דאָקטאָר. ער האָט אָנגעזאָגט אַז מען מוז איר האַלטן אין בעט עטלעכע טעג, צוליב דעם גרויסן פיוועד וואָס זי האָט געהאַט.

ווען זי איז אַביסל געקומען צו זיך, זיינען די נאַציס שוין מער ניט געווען אין וואַרשע. די רויטע אַרמיי איז געווען אין שטאָט. אַלץ איז געווען חרוב. אַלע געבליבענע איינוואוינער זיינען אַוועק פון וואַרשע, ווייל עס איז ניט געווען קיין וואַסער, קיין באַלייכטונג.

דאַליע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי איז אַרומגעגאַנגען אין די חרוב'ע גאַסן און יעדן געפרעגט צי זיי האָבן ניט געזען איר קינד. אַלע האָבן איר באַטראַכט אַלס אַ צודרייטע . . . פילע האָבן איר געזאָגט אַז אַ גרויסע צאָל קינדער זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון די ברענענדיקע הייזער פון גלחים און גוטע פרויען, און זיי געפינען זיך ערגעץ צווישן ווענגראָווע און קאַלושין.

דאַליע איז געווען אָפּגעריסן, ניט אַרומגעוואַשן, אָן געלט און אָן אַ שטיקל ברויט, אָבער זי האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין, צופוס, כדי צו זוכן איר קינד.

שלעפּנדיק זיך אַ קראַנקע, אַ צעווייטיקע, איבער די וועגן ביים מינסק־מאַזאָוויעצט, האָבן אַ גרופּע פּאַלאַקן, וועלכע זיינען געפאָרן מיט אַ גרויסן וואָגן אויפן וועג קיין שעדלעץ, איר אַרויפגענומען אויפן וואָגן כדי איר ברענגען קיין ווענגראָווע. אָבער לאַנג האָט ניט גענומען ביז עטלעכע פון די מענער האָבן זיך גענומען טשעפּן צו איר, און ווען זי האָט פּראָטעסטירט און געוועהרט זיך, האָבן זיי איר אַראָפּגעוואָרפן פון וואָגן, אין מיטן שנעלן פאָרן. זי האָט זיך, ביים פאַלן, אויסגעבראָכן אַ פוס, און צעקלאַפּט דעם גאַנצן קערפּער.

זי איז געבליבן אַזוי ליגן אויפֿן פֿעלד. עס איז געוואָרן טונקל. זי האָט זיך גענומען שאַרן אויף דער ערד. זי האָט געליטן גרויסע שמערצן. זי איז געווען זיכער אַז דאָס איז איר ענדע. באַלד אָבער האָט זי דערזען פֿון ווייטנס ליכט אין אַ פֿענצטער. זי האָט זיך מיט שרעקלעכע ווייטיקן צוגע־שאַרט צום הויז. דאָרט זיינען געווען עטלעכע עלטערע מענטשן, פּוילישע פּויערים. זיי האָבן אויף איר רחמנות געהאַט, איר אָרומגעוואַשן, פֿאַר־באַנדאַזשירט דעם פֿוס, געגעבן איר עפּעס עסן, און אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן.

דאַליע האָט ניט געוואָלט שלאָפֿן. זי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביי די גוטע מענטשן צי זיי ווייסן ניט עפּעס וועגן קינדער וואָס מען האָט געבראַכט פֿון וואַרשע אין דעם געגנט. זי האָט זיך באַלד דערוואוסט אַז ניט ווייט פֿון דעם פּלאַץ, בלויז עטלעכע וויאָרסט, געפֿינען זיך אַרום פֿופֿצן קינדער וועלכע מען האָט ניט לאַנג צוריק אַהער געבראַכט פֿון וואַרשע.

דאַליע האָט זיך גלייך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין, אָבער די פּויערים האָבן דאָס ניט דערלאָזן. זיי האָבן איר באַוויזן אַז זי קאָן ניט גיין מיט איר קראַנקן פֿוס, אַז זי וועט ניט טרעפֿן אַהין ביינאַכט אין דער פֿינצטער, און אַז די קינדער שלאָפֿן שוין סיי ווי סיי. זי האָט געמוזט פֿאַרבלייבן דאָרט איבער נאַכט.

זי איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן. ווען עס איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט זי זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין. איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט גרויסע האַמערס. ווען זי איז צוגעקומען צום הויז האָט זי דערהערט געשרייען פֿון קינדער. איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז זי הערט איר ראָזאַליאַס שטימע. זי האָט גענומען שלעפּן זיך, מיט איר קראַנקן פֿוס שנעלער. אַ פֿרוי, וואָס איז געווען די אויפֿזעערין איבער די קינדער, האָט איר אַריינגענומען צו די קינדער. דאַליע האָט אין דער גרופּע קינדער דערזען איר קינד.

"ראָזאַליאַ!" . . . האָט זי אויסגעשריען צו דער בלאָנדער מיידעלע. אָבער דאָס בלאָנדע קינד איז געשטאַנען, ניט גערירט זיך פֿון אָרט, און געקוקט אויף דער דאַרער קראַנקער פֿרוי אין שמאַטעס מיט ברייט צועפֿנטע אויגן.

דאָס קינד האָט איר ניט דערקענט . . . דאַליע איז געווען פֿאַרצווייפֿלט. זי איז שיער ניט פֿון זינען אַראָפּ. די אויפֿזעערין האָט גענומען קוקן אויף איר מיט חשד, געמיינט אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט עפּעס אַ צודרייטע פֿרוי. דאַליע איז צוגעגאַנגען צום קינד, גענומען רעדן צו איר מיט איינגעהאַלטנ־קייט, דערמאָנט איר זאַכן פֿון אַמאָל, דערמאָנט דעם נאָמען פֿון איר טאַטן. ראָזאַליע איז געקומען צו זיך, זי האָט אויסגעשריען "מאַמע!" און איז געפֿאַלן צו דער ערד . . . דאַליע איז געפֿאַלן אין חלשות.

צומאָרגנס איז דאַליע מיט איר קינד געפֿאָרן קיין פּראַגע, דער טייל פֿון וואַרשע וואו עס זיינען נאָך געבליבן אַביסל הייזער. דאָרט האָט זי באַלד אויסגעפֿונען אַז איר קינד איז קראַנק, אָנגעשטעקט מיט שווינדזוכט. זי איז געלאָפֿן צו דאָקטוירים. יענע האָבן איר געגעבן קליינע האָפֿענונגען אַז איר קינד וועט געזונט ווערן. דאָס איז געווען אַ נייער שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר דער אומגליקלעכער דאַליע. דאַן האָט זי זיך דאָס פֿאַרזאָרגט מיט דעם פּלעשעלע גיפֿט . . .

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט דער אידישער צענטראַלער קאָמיטעט געעפֿנט דעם סאַנעטאַריום פֿאַר שווינדזיכטיקע קינדער אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע. דאַליע האָט דאָרט אַריינגעגעבן איר קינד. דאָרט האָט ראָזאַליאַ, אונטער דעם אויפֿזיכט פֿון גוטע דאָקטוירים און פּלעגע, גענומען זיך בעסערן, און דאַליע האָט געקראָגן גוטע האָפֿענונגען פֿון די הויפּט אויפֿזעערין פֿון דעם סאַנעטאַריום, דר. אַנאַ ראָזענבערג, אַז איר קינד וועט גענויס געזונט ווערן.

אָבער דאַליע ק — האַלט מיט זיך דאָס פּלעשעלע גיפֿט, ווייל טאָמער וועט עפּעס געשען מיט איר קינד, וועט זי האָבן גרייט דאָס פּלעשעלע . . . כדי צוזאַמען מיט איר קינד גיין אַהין, דאָרט וואו זיי וועלן זיך פֿאַראייניקן מיט איר אומגעקומענעם מאַן . . .

# אידן אין פוילן

אַז די מערסטע אידן אין פוילן לעבן איצט "אויף־דערווייל" איז געוויס שוין באַקאַנט צו די היגע אידן. אָבער מען דאַרף דאָרט אַליין זיין, אַליין רעדן מיט די אידן, זען דעם אַנגסט אויף זייערע געזיכטער, אַז מען זאָל קענען פאַרשטיין וואָס דער דאָזיגער "אויף־דערוויייל" מיינט. די אידן, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון די לאַגערן און וואָס קומען איצט צוריק פון רוסלאַנד, דענקען, אַז זיי וועלן דאָרט טרעפן זייערע הייזער, זייערע קרובים, אָדער אַ זיכערן אָרט אָפּצורוען דעם קאָפּ. זיי ווערן זייער גיך אַנטוישט. די אַנטוי־שונג גייט באַלד איבער צו פאַרצווייפלונג.

וואַרשע איז געגצלעך רואינירט. די אידישע וואַרשע איז אַ חורבה, ניטאָ דאָ קיין צייכן פון די אַמאָליקע אידישע גאַסן. וויפיל מען האָט ניט גע־שריבן וועגן דעם חורבן פון דער וואַרשעווער געטאָ, גיט דאָס אַלץ ניט קיין באַגריף פון דער אמת'ערווירקלעכקייט. איר ווערט אַזוי צוטומעלט, ווען איר דערזעט די שוידערלעכע ווירקלעכקייט, אַז פאַר אַ לאַנגע צייט קענט איר אַ וואָרט ניט אַרויסרעדן. די אידן, וועלכע זיינען געקומען צוריק פון די לאַגערן, און די וואָס קומען איצט צוריק פון די ווייטע געגנדן פון סאָוועט־רוסלאַנד ווערן פשוט קראַנק, ווען זיי זעען וואָס עס איז געבליבן פון דער אידישער וואַרשע.

די אידן, וואָס קומען צוריק אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, פילן זיך ניט בעסער. אין די קליינע שטעטלעך איז קיין אָרט ניטאָ פאַר אידן. די פּאָלאַקן זיינען דאָרט איצט די אייגנטימער איבער די אידישע גע־שעפטן, וועלכע זיי האָבן פאַרכאַפּט אין היטלערס צייטן. זיי האָבן קיין חשק ניט אָפּצוגעבן די געשעפטן צו אידן. זיי זיינען איבערראַשט, אַז עס איז נאָך דאָ אַזויפיל אידן אין אייראָפּע . . . זיי לאָזן גלייך וויסן דעם איד, וואָס קומט צוריק אין זיין שטאָט, אַז ער מוז זיך גלייך אָפּטראָגן, אויב ער וויל בלייבן לעבן . . .

ביי יעדן פון די צוריקקומענדע אידן איז דאָ עפּעס אַ געפיל, אַז ניט אַלע פון זיין פאַמיליע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַציס. אימיצן וועט ער נאָך געפינען אין פוילן. און ווען ער געפינט אויס דעם אמת, אַז קיינער איז מער ניטאָ פון זיינע אייגענע, ווערט ער אַנטוישט און דערשלאָגן, און ער וויל אַוועק פון דעם לאַנד, אַוועק פון דעם אָרט וואו דער אומגליק איז פאָרגעקומען.

ווען איר רעדט מיט די אידן אין פוילן הערט איר נאָר איין געשריי: ווען וועט מען שוין אַרויסגעבן וויזעס קיין אַמעריקע? זיי רעדן וועגן דעם מיט פאַרצווייפלונג און מיט ביטערקייט. זיי האָבן טענות צו זייערע קרובים אין אַמעריקע און צו אַלע אַמעריקאַנער אידן. "פאַרוואָס שוויגט איר דאָרט אין אַמעריקע?" — טענה'ן זיי — פאַרוואָס לייגט איר ניט איין וועלטן, אַז מיר זאָלן קענען קריגן וויזעס?" זיי קענען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מיר דאָ קענען ניט אויסווירקן ביים קאָנגרעס, אַז מען זאָל אָפּשאַפן די קוואָטאָ און אַז זיי זאָלן קריגן די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

ליידער זיינען איצט די אויסזיכטן אויף פאַרן קיין אַמעריקע ניט קיין גוטע. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט וויכטיגע מענטשן אין דער אַמעריקאַנער עמבעסי אין וואַרשע און מיט דעם הויפט פון אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין פאַריז. לויט זייער מיינונג וועלן פון איצט אָן ביז יאַנואַר אַרויסגעגעבן ווערן וויזעס אויף דער פוילישער קוואָטע בלויז אַרום זעקס טויזנט. דאָס נעמט אַרום גאַנץ אייראָפּע. אויף פוילן וועט אויספאַלן אַרום 1,500 וויזעס. איך האָב ניט געהאַט קיין האַרץ צו דערציילן דאָס די טויזנטער מענטשן אין פוילן וועלכע האָבן צו מיר גערעדט וועגן זייערע אויסזיכטן צו פאָרן אינגיכן קיין אַמעריקע, זיי וואָלטן געוואָרן שרעקלעך פאַרצווייפלט, ווען זיי זאָלן וויסן דעם דאָזיקן ביטערן אמת. פילע וואָלטן זיכער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. עס איז שוין צייט, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן עפּעס טאָן וועגן דעם. די קוואָטעס פאַר פוילישע אידן מוזן פאַרגרעסערט ווערן.

אין וואַרשע זיינען דאָן געווען אַרום ניין טויזנט אידן. די מערסטע פון זיי אין פּראַגע. אין וואַרשע זיינען נאָך אַלץ ניטאָ קיין וואוינונגען. די ביסל אידן וועלכע וואוינען אין וואַרשע זיינען רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. מערסטנס לעבן זיי אויף קריסטלעכע נעמען . . . זייערע פאַרדינסטן זיינען קליינע און זיי קענען קוים אויסקומען צוליב דעם גרויסן יקרות. אין פּראַגע זיינען שוין פאַראַן פיל מער אידן. און טאַקע אַזעלכע וואָס מען דערקאָנט אַז זיי זיינען אידן . . . פילע פון זיי אַרבעטן אין די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן. די געשעפטן זיינען אַלע, אָדער כמעט אַלע, אין קריסטלעכע הענט. דער באַרימטער באַזאַר אויף דער טאַרגאָווע גאַס, אַלע קראָמען, אַלע פּעדלער אין די גאַסן — אַלע, אַלע זיינען פּאָלאַקן. אין פּראַגע זיינען אויך דאָ אַ גרויסע צאָל אידן וואָס געפינען זיך אין די "באַראַקן" פאַר די ריפּאַטריאַנטן (צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד). זייער לאַגע איז גאָר אַ שלעכטע.

אין לאָדז געפינען זיך אַרום דריסיק טויזנט אידן. פילע פון זיי האָבן זיך שוין אַביסל איינגעשטעלט. דאָרט זיינען יאָ פאַראַן אידישע געשעפטן, און "ביזנעס איז ניט שלעכט" אין לאָדז. די מערסטע אָבער אַרבעטן אין די פאַבריקן, און אַ גרויסע טייל פון די אידן געפינען זיך אין די ריפּאַטריאַנטן־הייזער. זייער לאַגע איז ניט פיל בעסער ווי די פון די פּראַגער באַראַקן.

אין שטעטשין, שלעזיען, זיינען לעצטנס אָנגעקומען פילע טויזנטער אידן פון רוסלאַנד. קיין דירות זיינען ניט צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיי. קיין עסן און קליידער אויך ניט. מען האָט געשיקט אַהין אָנגעפּאַקטע וואַגאָנען מיט אידן. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן אָן ברויט, אָן קליידער און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אין דער צייט ווען איך בין געווען אין וואַרשע זיינען דאָרט געווען דעלעגאַציעס פון די שטעטשינער אידן, זייערע האַרצרייסענדע געשיכטעס וועגן דעם שרעקלעכן גורל פון די אידן דאָרט איז געווען ביטער צו הערן. עס איז געווען אַן אָנקלאַגע קעגן די אידישע הילפסקאָמיטעטן אין פוילן, און איבערהויפּט קעגן די אַמעריקאַנער אידן, וועלכע קומען ניט צוהילף דעם ביסעלע געראַטעוועטע פוילישע אידן.

די פּאָלאַקן קוקן מיט שרעק און מיט גיפט אויף די אידן וואָס קומען צוריק פון רוסלאַנד. זיי פרעגן — "פון וואַנען נעמען זיך דאָס נאָך אַזויפיל אידן . . .?" זיי זיינען געווען זיכער, אַז עס זיינען שוין אַלע אידן דערמאָרדעט געוואָרן. זיי האָבן מורא פאַר די אידן. עפּעס פּלאָגט זיי זייער געוויסן... אויב זיי האָבן אַ געוויסן... אין אַלגעמיין אָבער זיינען די פּאָליאַקן פון די נייע

פוילישע פראָווינצן בעסער צו אידן. ווי עס זיינען זייערע ברידער אין די אַנדערע טיילן פון פוילן.

אַ גרויסער טייל פון די אידן אין פוילן וואָלטן געפילט זיך פיל גליקלע־כער, ווען זיי זאָלן קענען קריגן אַ קאָנטאַקט מיט זייערע קרובים אין אַמע־ריקע. פילע געדענקען ניט די אַדרעסען, און יעדער אַמעריקאַנער וואָס קומט קיין פוילן און זאָגט צו די אידן אַז ער וועט העלפן אויסזוכן יענעמס קרוב, ווערט באַגלייט מיט ברכות. די אידן אין פוילן זוכן צום ערשטן די לאַנדסלייט פון זייער היים־שטאָט, וועלכע געפינען זיך אין אַמעריקע.

צוערשט זיינען געווען שוועריקייטן מצד דעם "דזשאָינט" און דעם "צענ־טראַלן קאָמיטעט". די פירער פון "דזשאָינט האָבן אָבער באַלד געזען די פּראַקטישקייט פון דער באַוועגונג, אַז דאָס וועט ענדליך העלפן אַרויסקריגן פון אַמעריקע די "פּארפּרוירענע" געלטער וואָס געפינען זיך אין די קאַסעס פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן רעליפס. אויך דער אידישער צענטראַ־לער קאָמיטעט איז געווען געצוואונגען צו אָנערקענען די לאַנדסמאַנשאַפטן גרופּן. דער שרייבער פון די שורות האָט אין דעם געהאָלפן אויפווייזן די נויטיקייט און פּראַקטישקייט דערפון, וואָס וועט, לויט מיין מיינונג, פיל פאַר־לייכטערן די שווערע אויפגאַבן וואָס עס האָבן אין פוילן דער "דזשאָינט", דער צענטראַלער קאָמיטעט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט העלפן די געראַטעוועטע פוילישע אידן. וועגן דער דאָזיגער פראַגע וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן.

די אידן אין אַמעריקע האָבן, לויט מיין מיינונג, גאָר אַ שוואַכן באַגריף וועגן די נויטן פון די אידן אין פוילן. מען וואָלט דאַרפן נאָך צענדליקע שרייבער און רעדנער, וואָס זאָלן פאָרן קיין פוילן, אַליין צוזען, הערן און איינזאַפּן אין זיך די גרויסע צרות און ליידן, וואָס עס גייען נאָך איצט דורך די דאָרטיקע אידן. איין מענטש אָדער עטלעכע מעטטשן קענען דאָס ניט איבערגעבן. הלוואי וואָלטן וואָס מער לאַנדסמאַנשאַפטן־דעלעגאַציעס געפאָרן קיין פוילן. פון פילע שטאַנדפונקטן לוינט זיך פאַר יעדער לאַנדסמאַנשאַפט צו שיקן אַ דעלעגאַט. איך בין גרייט דאָס צו באַווייזן מיט פאַקטן פאַר יעדן. גרעסערע לאַנדסמאַנשאַפטן דאַרפן איצט אַלע פאַר מאַנאַטן שיקן אַ דעלעגאַט. דאָס לוינט זיך פאַר דער היגער אָרגאַניזאַציע און עס וועט אַריינברענגען אַ נייע נשמה אין די צוואווייטאָגטע הערצער פון זייערע אייגענע אין פוילן. יעדער פּערזענלעכער גרוס, יעדעס גוט וואָרט וועט פאַר זיי פיל מער ווערט זיין ווי די געלט וואָס מען וועט ברענגען. די לאַנדסמאַנשאַפטן דאַרפן נאָר זיין זייער פאָרזיכטיג מיטן אויסקלייבן זייער דעלעגאַט. אַזעלכע מענטשן, וואָס מען האָט אַמאָל געשיקט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מענטשן אָן אינטעליגענץ, אָן פאַרשטענדעניש פאַר די געליטענע, אָן אַ מענטשלעכן צוגאַנג צו דעם איצטיקן פּראָבלעם פון די פוילישע אידן; מענטשן וואָס זייער איינציקער פאַרמעגן איז נאָר געלט וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער מלחמה־צייט — אַזעלכע מענטשן דאַרפן ניט געשיקט ווערן אַלס דעלעגאַטן, אַפילו ווען זיי ווילן פאָרן אויף אייגענע קאָסטן. זיי וועלן בלויז זיין אַ פאַר־שעמונג פאַר די אַמעריקאַנער אידן. אויב אַזעלכע אידן ווילן דווקא פאָרן קיין פוילן, זאָלן זיי פאָרן אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו, ניט אַלס פאַר־שטייער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס.

געראַטעוועטע אידן אין פוילן האָבן גרויסע טענות צו זייערע אַמערי־

קאַנער ברידער. פילע פון די טענות זיינען גאַר גערעכטע, אַנדערע זיינען ניט־גערעכטע, אָבער מען דאַרף דאָס פאַר זיי אויפקלערן. זייער איצטיקע לאַגע איז ניט פיל בעסער ווי אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען אין די לאַגערן. עפּעס מוז גליייך געטאָן ווערן.

די מערסטע אידן אין פּוילן ווילן טאַקע אויסוואַנדערן; עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס קאָן ניט געשען גליייך. עס איז איצט ניט לייכט אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל, און נאָך שווערער איז צו פאָרן קיין אַמעריקע. דערווייל מוזן די אידן לעבן אין פּוילן. צו שרייען, אַז "אַלע אידן מוזן גליייך אַרויס פון פּוילן", איז דעמאַגאָגיע און שטערט דערווייל די הילף פאַר די פּוילישע אידן. דאָס ערשטע וואָס מוז געטאָן ווערן איז גליייך שיקן וואָס מער הילף קיין פּוילן. געלט, שפּייז און הויפּטזעכלעך קליידער — ניט קיין שמאַטעס (וואָס ווערן אָפּגעוואָרפן מיט פיל פאַראַכטונג).

עס מוז גליייך עפּעס געטאָן ווערן אויפצוואַועקן די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע, אַז מען זאָל דאַ אַריינלאָזן אַ גרעסערע צאָל פון די געראַטע־וועטע פּוילישע אידן. דאָס איז זיכער די ערשטע צוויי פאַרלאַנגען פון די אידן אין פּוילן.

## דריי וואָכן אין פּוילן

דריי וואָכן האָב איך פאַרבראַכט אין פּוילן. אין דער קורצער צייט האָב איך זיך מיט אַ פיבערהאַפטן אינטערעס צוגעקוקט צום איצטיקן אידישן לעבן אין דעם לאַנד, וואו עס איז ביז 1939 געווען דער צענטער און דער פּולס פון אידישער קולטור און דאָרט וואו עס איז געווען דער גרעסטער חורבן, די גרעסטע און גרויזאַמסטע אויסראָטונג, וואָס די נאַציס האָבן געבערענגט אויף דעם אייראָפּייאישן אידנטום.

אין די דריי וואָכן וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַלס פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע און אויך אַלס אַ דעלעגאַט פאַרן "דזשאָינט", צו שטודירן די אידישע לאַגע אין פּוילן, האָב איך גערעדט מיט פאָרשטייער פון אַלע שיכטן פון פּוילישן אידנטום, מיט פאָרשטייער פון הילפס־אָרגאַניזאַציעס, מיט אידן אין גאַס, אין די ריפּאַטריאַנטן־הייזער, אין די "קבוצים", אין וואַרשע, לאָדז, נידער־שלעזיען און אין אַנדערע ערטער אין פּוילן, אויסגעהערט אַלע קריוודעס וואָס פּשוטע אידן און ספּעציעל די וואָס זיינען נאָר וואָס צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, האָבן צו די אָפיציעלע פאָרשטייער פון פּוילישן אידנטום, צוגעקוקט זיך צו דעם אידישן לעבן אין די דייטשישע פּראָווינצן וואָס פּוילן האָט איבערגענומען נאָכן סוף פון דער מלחמה און וויל מיינע איינדרוקן טיילן מיט מיינע פריינט.

צום ערשטן וועגן דער אַלגעמיינער אידישער לאַגע אין פּוילן. — כמעט אַלע אידן אין פּוילן לעבן איצט "אויף דערווייל", און כמעט אַלע ווילן אויס־וואַנדערן. די הויפּט־אורזאַך דערפון איז, ווייל די לאַגע אין פּוילן, אין אַל־געמיין, איז דאָ ניט געווען קיין זיכערע. קיינער ווייסט ניט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. זיינען אידן דערשראָקן, די אַנפאַלן וואָס קומען פאַר פון צייט צו צייט אויף די באַנען, אויטאָמאָבילן, וועלכע פאָרן דורך די וועלדער אָדער ניט באַוואוינטע געגנדן, רופן אַרויס מורא און אומזיכערקייט. דאָס וואָס די רעגירונג פּרובירט פאַרהאַלטן די נייעסן פון דער פּרעסע, העלפט גאָרניט די

סיטואַציע, פּאַרקערט, עס מאַכט די לאַגע נאָך ערגער, ווייל קלאַנגען טראָגן זיך גלייך איבער פון מויל צו מויל. יעדער לייגט צו אַביסל, און ווען אַן אי־בערפאַל האָט ערגץ פּאַסירט וואו עטלעכע מענטשן זיינען דערמאָרדעט גע־וואָרן, ווערט דאָס באַלד צופויקט אַז הונדערטער מענטשן זיינען אומגעקומען. עטלעכע אַזעלכע צופאַלן האָט טאַקע פּאַסירט אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען.

אָט איז אַ ביישפּיל וואָס האָט פּאַסירט אין לאָדז דעם 11טן יוני:

ניט ווייט פון לאָדז האָט אַן אויטאָמאָביל זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ טראַמוויי (טראָלי קאַר), איין מענטש איז דער׳הרג׳עט געוואָרן און זעקס מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן זיי זיינען געווען צוויי אידן. באַלד האָט זיך, ווי אַ פייער, פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין לאָדז, און האָט אויך דערגרייכט וואַרשע און אַנדערע שטעט, אַז באַנדיטן זיינען באַפאַלן אַ טראַמוויי לעבן לאָדז, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט צוואַנציק אידן און זיי דערמאָרדעט.

אַן אַנדערער פאַל האָט פּאַסירט צוויי טעג שפּעטער, ווען באַנדיטן זיינען באַפאַלן אַ באַן ביי לובלין און דערמאָרדעט פינף מענטשן, צווישן זיי צוויי סאָוועטישע סאָלדאַטן און צוויי אידן. דער קלאַנג איז באַלד געווען, אַז 25 אידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן ביי לובלין. שפּעטער איז עס באַשטעטיקט געוואָרן, אַז טאַקע ניט מער ווי פינף מענטשן זיינען דאָרט אומגעקומען.

קיינער לייקנט ניט אין פּוילן, אַז אַזעלכע אָנפאַלן קומען פאָר און אידן ליידן דערפון מער פון אַנדערע. דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן איז ניט פאַר־קלענערט געוואָרן מיט דעם פאַקט אַז די איצטיקע רעגירונג איז אַ אידן־פריינטלעכע. פאַרקערט, אַ סך פּאָלאַקן, וועלכע זיינען קעגן די איצטיקע רע־גירונג, האַלטן אַז די רעגירונג איז אַ אידישע, זיי זיינען בייז אויף דער רע־גירונג, ווייל זי איז לינק, ווייל זי האָט אָפּגעטרעטן צו רוסלאַנד אַ גרויסע טעריטאָריע אין דעם ווילנער געגנט פאַר דעם שלעזישן טייל פון דייטשלאַנד. זיי האַסן די רעגירונג ווייל זי דאַרפן צאָלן שטייערן, זיי האַלטן אַז שטייערן דאַרפן צאָלן אידן, ניט פּאָלאַקן . . . און זיי שרעקן זיך, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט אפשר די רעגירונג זיי צווינגען צוריקצוגעבן זייערע געראַבעטע פאַרמעגנס צו די אידישע אייגנטימער, אויב יענע קערן זיך צוריק אַהיים לעבעדיקע.

אין פּוילן איז איצט דאָ אַ ווערטל אַז ״פילע פּאָלאַקן לעבן איצט פון צווייטן רויב״. דאָס מיינט, אַז צום ערשט האָבן זיי באַראַבעוועט די אידן און איצט האָבן זיי (אין שלעזיען) אָפּגעלעקט אַ ביינדל ביים צונעמען דאָס פאַר־מעגן פון די דאָרטיקע דייטשן. נו, וועגן דעם דייטשישן פאַרמעגן האָבן די פּאָלאַקן אַ תירוץ, יענע האָבן פריער ביי זיי געראַבעוועט, און אַז מען גנב׳עט ביי אַ גנב איז מען פּטור . . . אָבער ווען עס קומט צו אידן,, פילן זיי זיך אַביסל שולדיק, און זיי וואָלטן זיך געפילט פיל זיכערער ווען עס זאָלן שוין מער קיינע אידן ניט זיין אין פּוילן . . . זיי וואָלטן דאַן געקאָנט רוהיג שלאָפן און האָבן אַ ריינעם געוויסן . . .

זייט עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע אידן פון רוסלאַנד קיין פּוילן, האָבן פילע פּאָלאַקן מיט גיפט זיך אויסגעשפּראָכן, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט אַז עס זיינען נאָך געבליבן לעבן אַזוי פיל פּוי־לישע אידן . . . זיי זיינען ביי זיך זיכער געווען אַז כמעט אַלע פּוילישע אידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, און דאָס קליינע ביסעלע קנאַפּע צוויי הונדערט

טויזנט אידן זיינען ביי זיי ״גרויס אין די אויגן״, זיי פילן זיך שולדיק. פילע זיינען טאַקע שולדיק, זיי האָבן מורא אַז זיי זאָלן ניט האָבן דעם זעלבן סוף וואָס פילע פון די דייטשישע נאַציס האָבן, ווילן זיי גאָר פטור ווערן פון אַלע אידן.

מען מוז אויך זאָגן אַז עס האָט זיך ביז איצט אַרויסגעוויזן דאָס די צאָל פּאַ־לאַקן וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אידן, און טאַקע געראַטעוועט אַ היפּשע צאָל אידן, קינדער איבערהויפּט, איז פיל גרעסער ווי מען האָט פריער גערעכנט. איך האָב באַגעגנט פיל אידן וואָס האָבן דערציילט אַז זיי האָבן זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער, צו פאַרדאַנקען די פּאָלאַקן. מאַנכע האָבן דאָס טאַקע געטאָן פאַר געלט, עס זיינען אָבער אויך געווען אַ גרויסע צאָל פּאָלאַקן, איבערהויפּט די פּויערים אין די דערפער, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן און אָפּגעראַטעוועט פילע אידישע לעבנס.

אין פראַנקרייך און אין איטאַליע האָבן די גלחים און נאָנעס געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין דער רעטונג פון אידישע קינדער. פילע האָבן זיך אין דעם הינזיכט אויסגעצייכנט אַלס העלדן און מאַרטירער. ליידער הערט מען ניט וועגן אַזעלכע זאַכן אין פּוילן. זייער ווינציק גייסטלעכע פירער אין פּוילן האָבן זיך געשטעלט אויף דער זעלבער הויך פון די פראַנצויזישע און איטאַ־ליענישע גלחים.

די איצטיקע פּוילישע רעגירונג איז אַ אידן־פריינטלעכע. דאָס איז באַשטימט. פילע אידן שטייען אָן דער שפּיץ פון די פאַרשידענע דעפּאַרט־מענטס ביי דער רעגירונג. אַ גרויסע צאָל אידן אַרבעטן פאַר דער רעגירונג, אויף אַזעלכע שטעלעס, וואו אַ איד האָט פריער גאָרניט געקאָנט צוקומען. אָבער כמעט אַלע פון די אידן רופן זיך אויף קריסטלעכע נעמען און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען קריסטן . . . כאָטש די רעגירונג איז דאָמינירט פון די קאָמוניסטן. דאָך געפינען זיך אין אַלע רעגירונגס דעפּאַרטמענטס פילע אָנגעשטעלטע וואָס זיינען אָפענע אַנטיסעמיטן און די אידישע אָנגעשטעלטע ציטערן פאַר זייערע גיפטיקע בליקן און שטעכווערטער.

אין די גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדז, קראָקע, פילן זיך אידן זיכערער. איז אָבער די צרה אַז אין די שטעט איז מער קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר די אידן וואָס קומען צוריק פון די דייטשע לאַגערן און פאַר די טויזנטער וואָס זיינען לעצטנס געקומען פון רוסלאַנד. פילע וואָלטן וועלן זיך איינשטעלן (כאָטש אויף דער ווייל) אין וואַרשע, אָדער אין די קלענערע שטעט, וואו זיי האָבן אַמאָל געוואוינט, איז אָבער דער אומגליק אַז אין וואַרשע זיינען קיין הייזער ניטאָ פאַר נייע מענטשן, ספּעציעל פאַר אידן, ווייל דער אידישער געגנט איז גענצלעך חרוב געוואָרן, אַפילו אַ וואַנט ניט געבליבן, און דער קריסט־לעכער געגנט וואו עס זיינען פאַרבליבן האַלבע צובראַכענע ווענט, קריגן די פּאָלאַקן אַ פאַרצוג, ווייל זיי האָבן דאָרט פריער געוואוינט. אין די קליינע שטעט און שטעטלעך, דאָרט וואו אידן האָבן אַמאָל געוואוינט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן, אַ איד קאָן דאָרט ניט צוריקפאָרן, אויב ער וויל בלייבן לעבן.

ווערן טאַקע איצט די צוריקגעקומענע אידן פון רוסלאַנד, געשיקט אין די נייע ערטער פון פּוילן, אין נידער־שלעזיען, אין שטעטשין, קאַטאָוויץ און אין די אַרומיקע געגנטן. דאָרט איז איט אַ נייער אידישער ישוב. דאָרט זעט מען פּוילישע אידן, אַלטע אידן מיט בערד, פרומע אידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, עלטערע פרויען און אַ גרויסע צאָל אידישע קינדער.

די ערשטע אידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין נידער־שלעזיע, ווי ווראָצלאַוו (ברעסלאָו), ביליאַווע ריכענבאַך און אַרומיקע דייטשישע שטעט, שטעלן זיך ביסלאַכווייס איין. זיי האָבן געקראָגן דייטשישע דירות, אָרדענען זיך איין מיט פאַבריקן און געשעפטן. דאָס ביסל דייטשן וואָס זיינען נאָך דאָרט געבליבן פילן זיך געפאַלן, בייגן זיך אין דרייען פאַרן איד. די פאָלאַקן דאָרט זיינען אַליין גרינע, ערשט אַריבערגעקומענע פון אַנדערע טיילן פון פוילן, זיי זיינען מקנא דעם איד וואָס פּאַסט זיך פיל גיכער צו צום נייעם לאַנד, זיי לאָזן דעם אידן צורו.

פאַר די אידן וואָס קומען אָבער איצט אָן אין די געגנטן, איז די לאַגע שוין ניט אַזוי גוט. עס זיינען שוין מער ניטאָ קיין הייזער צו באַזעצן, ריכענבאַך און אַנדערע קלענערע שטעט זיינען שוין איבערגעפּאַקט. אין ווראָצלאַוו זיינען די מערסטע הייזער — 90 פּראָצענט — צושטערט, חרוב. ווראָצלאַוו איז אַ צווייטע וואַרשע. דאָרט איז מער ניטאָ קיין גאַנצע הייזער, מ׳דאַרף ערשט אָנפאַנגען צו רעמאָנטירן די חורבות. דאָס גייט ניט צו אַזוי שנעל אין פוילן, און די אידן וואָס קומען איצט אָן אין נידער־שלעזיען, שלאָפן אין גאַס אָדער אין די ריפּאַטריאַנטן הייזער, וואָס זיינען אין אַ טרויעריקן צושטאַנד.

אין שטעטשין איז די לאַגע נאָך ערגער, דאָרט איז אין מיטן יוני געווען אַזוי שלעכט אַז אידן האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן אין די ערגסטע וועטערן, אויסגעגאַנגען פאַר עסן און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך מרחים זיין אויף זיי. עס זיינען געקומען דעלעגאַציעס קיין וואַרשע פון די דאָרטיקע אידן צום אידישן צענטראַלן קאָמיטעט, צום "דזשאָינט", מיט אַ געשריי פאַר באַלדיקע הילף. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיינע מיטלען צו דערלייכטערן די שווערע לאַגע. דער "דזשאָינט" האָט צו יענער צייט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פוילישער רעגירונג, וואָס האָט אַביסעלע פאַרגרינגערט פאַרן "דזשאָינט" די "וואַלוטע פראַגע", און ווי מען האָט מיר דאָן איבערגעגעבן פוןביידע אָרגאַניזאַציעס, האָט טאַקע דער "דזשאָינט" באַוויליקט אַ גרעסערע סומע געלט און גרויסע מאַסן קליידער און עסנוואַרג פאַר דעם צענטראַל קאָמיטעט און די לאַגע אין טשעטשין איז עטוואָס פאַרלייכטערט געוואָרן. אָבער סיי ביים "דזשאָינט" און סיי ביי דעם צענטראַל קאָמיטעט האָט מען צוגעגעבן, אַז אויב עס וועט ניט אָנקומען גאָר גרויסע הילף פון אַמעריקע, וועט די לאַגע פאַר די אידן אין טשעטשין ווערן אַ קאַטאַסטראָפאַלע.

וואו איר גייט און וואו איר שטייט אין פוילן, הערט איר פון אידן, אַז זיי ווילן פאָרן קיין אַמעריקע. אין די "קבוצים", פאַרשטייט זיך, רעדט מען פון ארץ ישראל. אָבער דער איד אין גאַס רעדט נאָר וועגן אַמעריקע, אַפילו די וואָס שרייען אַז מ׳דאַרף ניט אַזוי טומלען זיך וועגן אַוועקפאָרן פון פוילן, און די וואָס מוזן צוליב פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט זיין קעגן עמיגרירן, אַפילו זיי רעדן אויך אין דער שטיל וועגן אַמעריקע. אַמעריקע איז דאָס צויבערוואָרט ניט נאָר ביי אידן, נאָר אַפילו אויך ביי פילע פּאָלאַקן. דער אומגליק איז וואָס עס זיינען דערווייל ניט דאָ קיינע אויסזיכטן, אַז כאָטש אַ דריטל פון די וואָס חלומ׳ן וועגן אַמעריקע, וועלן קאָנען זיין צווישן דעם ביסל גליקלעכע וואָס וועלן אין די קומענדיקע צוויי יאָר קריגן וויזעס אַרויסצופאָרן. עס איז אַ פאַרברעכן צו געבן די פוילישע אידן פאַלשע האָפענונגען. מען

מוז זיי דאָס דערקלערן. שרייען אַז מען מוז אַלע אידן אַרויסנעמען פון פוילן איז זייער לייכט, אָבער אויב עס איז דערווייל ניטאָ קיין מעגלעכקייטן דערצו, דאַרף מען זיי דאָס זאָגן, ניט זיי אָפּנאַרן.

דאָס וואָס צענדליקע טויזנטער אידן אין פוילן לעבן איצט "אויף דער־ווייל", מאַכט די לאַגע דאָרט פיל ערגער. כמעט אַלע מיינען, אַז זיי וועלן זיין פון די ערשטע צו קריגן וויזעס, אויב זיי וועלן נאָר קריגן די אַפידעיוויטס פון אַמעריקע. דאָס ברענגט אַז זיי ווילן זיך ניט איינשטעלן, זוכן ניט קיין אַרבעט. דאָס איז אַ אומגליק פאַר זיי. מען מוז קלאָר מאַכן פאַר זיי אַמעריקעס שטעלונג צום אַרויסגעבן וויזעס, און צו דער זעלבער צייט מוזן די אַמערי־קאַנער אידן עפּעס טאָן אַז אונזער רעגירונג זאָל פאַרלייכטערן דאָס אַרויס־געבן וויזעס צו די היטלער קרבנות.

אַ גרויסער טייל פון די אידן אין פוילן, קוקן איצט אויף דער דאָזיקער פראַגע מיט מער פּראַקטישקייט. זיי האָבן אויפגעגעבן דעם געדאַנק, אַז זייער הילף קאָן קומען פון די גרויסע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. זיי קאָנצענטרירן איצט זייער געבעט פאַר הילף קודם כל, צו זייערע נאָענטע קרובים און דאַן צו זייערע אייגענע לאַנדסמאַנשאַפטן. זיי זיינען ביטער אַנ־טוישט אין די אַלע קאָמיטעס וואָס געפינען זיך אין פוילן. זיי זוכן איצט נאָר אַ גיכן קאָנטאַקט מיט זייערע קרובים און מיט זייערע לאַנדסלייט פון אַמעריקע.

## "יציאת פוילן"

זייער פיל איז שוין געשריבן געוואָרן אין דער אידישער פרעסע וועגן "יציאת פוילן". דאָס הייסט, וועגן אַרויסנעמען אַלע אידן פון פוילן. עס איז וועגן דעם אויפגעבלאָזן געוואָרן אַ גאַנצע באַוועגונג. נאָך פאַר דעם קעלצער פּאָגראָם האָט מען וועגן דעם געשריבן. די הויפּט־פירער פון דער "יציאת פוילן" באַוועגונג זיינען געווען — נאַטירלעך, ציוניסטן און פאַר־שידענע גרופּן אָרטאָדאָקסן. נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם האָט די באַוועגונג געוואונען פיל אָנהענגער, אַזוי. אַז פילע האָבן שוין גענומען טענה׳ן, אַז מען מוז אָפּשטעלן יעדע הילף פאַר די פוילישע אידן, עס איז דאָ נאָר איין צוועק — עוואַקואַציע.

זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן, אַז די מערסטע אידן אין פוילן, צו וועלכע אונזערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע האָבן גערעדט, אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען אין פוילן אין מאָנאַט יוני, האָבן אויסגעדריקט אַ פאַר־לאַנג צו עמיגרירן, הויפּטזעכלעך, קיין אַמעריקע. די אורזאַכן וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן, פאַר וועלן אַוועק פון פוילן זיינען געווען: 1) די אויסראָטונג פון זייערע אייגענע דורך די נאַצישע הענקער און דאָס זיין דאָרט האָט זיי יעדע מינוט דערמאָנט אין דעם אומגליק; 2) די אומזיכערע לאַגע אין לאַנד; 3) די פיינטלעכע אויפנאַמע וואָס זיי האָבן געקראָגן פון אַ גרויסן טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג, הויפּטזעכלעך פון די נייע פוילישע ביזנעסלייט, וואָס זיינען געוואָרן די אייגנטימער פון די אידישע געשעפטן; 4) דער גרוי־סער ווילן צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע פאַרבליבענע קרובים וואָס געפינען זיך אין אַנדערע לענדער, הויפּטזעכלעך אין אַמעריקע.

דאָס זיינען געווען און זיינען נאָך איצט די הויפּט־מאָטיוון פאַרוואָס די

אידן אין פוילן ווילן אויסוואַנדערן. דער קעלצער פּאָגראָם, די אויפהעצנדע פּראָפּאַגאַנדע פון געוויסע פּאַראַינטערעסירטע עלעמענטן אין פוילן און אין אויסלאַנד, האָט פיל געהאָלפן צו פאַרגרעסערן דעם פּאַניק, וואָס האָט געמאַכט די לאַגע נאָך ערגער ווי אין דער ווירקלעכקייט.

דער נאָענטער רעזולטאַט פון דער סיטואַציע איז געווען, אַז אַחוץ דעם "דזשאָינט" האָבן כמעט אַלע אידישע רעליף אָרגאַניזאַציעס געלאָזט די אידן אין פוילן אויף הפקר. דאָס ביסל הילף וואָס יענע אָרגאַניזאַציעס האָבן פריער געגעבן, איז כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און עס איז ניט געווען בלויז די שולד פון די אָרגאַניזאַציעס, נאָר פון די מענטשן וואָס שטיצן די "רעליפס". די מיט הערצער וואָס פלעגן געבן ביישטייערונגען פאַר די "רעליפס", זיינען גאַנץ לייכט באַאיינפלוסט געוואָרן פון די "כראָנישע ניט-געבער", אַזעלכע וואָס זוכן נאָר אַ תירוץ ניט צו געבן . . . און נאָך מאַכן אַנדערע ניט צו געבן.

עס איז אמת, אַז אַ גרויסער טייל פון די אידן אין פוילן ווילן עמיגרירן, זיי האָבן פילע אורזאַכן פאַר דעם. עס איז אָבער זיכער אַז ניט אַלע פון די וואָס ווילן אַוועק, וועלן דאָס דורכפירן אין אַ קורצע צייט. עס וועט נעמען מאָנאַטן און אפשר יאָרן, און דערווייל ? וואָס וועלן זיי טאָן דערווייל ווען זיי מוזן זיין אין פוילן ? זאָלן זיי אויסגיין פון הונגער ?

אַ געוויסע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע האָט ניט לאַנג צוריק געמאָלדן אין דער היגער אידישער פּרעסע, אַז זיי וועלן די אידן פון פוילן אַרויסנעמען אין ניינציק טעג. זיי האָבן געמאָלדן אַז זיי נעמען שוין אַרויס פון פוילן אַלע ספר תורות . . . אויב דאָס איז ניט אַ-געמיינהייט, איז דאָס זיכער חוצפּה און דעמאַגאָגיע. די אידישע צייטונגען ווייסן וואָס עס ליגט באַהאַלטן אונטער די דאָזיקע סטייטמענטס, און זיי שווייגן, זיי האָבן מורא פאַר אַ "חילול השם". עס וועט אָבער זיין אַ גרעסערער סקאַנדאַל ווען די וועלט וועט זיך דערוויסן דעם אמת . . .

דער גאַנצער טומעל און געשריי וועגן "יציאת פוילן" האָט דערווייל געהאַט איין אויסגאַנג, דאָס ביסל הילף וואָס די אידן אין פוילן וואָלטן געקאָנט קריגן איז איצט אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס גייט איצט צו ווינטער, די אידן אין פוילן וואָס זיינען נאָך ניט אַוועק, און די וואָס וועלן ניט האָבן די מעג-לעכקייט אַרויסצופאָרן אין די קומענדיקע זעקס מאָנאַטן, און אַזעלכע וועלן זיין ווייט אַריבער הונדערט טויזנט, וועלן ליידן קעלט און הונגער, סיידן עס וועט באַלד קומען גיכע הילף.

אויגוסט, 1946

# ריכבאַך — אַ נייע „אידישע שטאָט" אין פוילן

אויב איך האָב געהאַט אַ סך צער און האַרצווייטיק אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט אין פוילן, האָב איך אַביסעלע נחת געהאַט אין דער שטאָט ריכבאַך, וואו עס האָט זיך לעצטנס איינגעשטעלט עפּעס וואָס מען קאָן אָנרופן אַ אידיש לעבן.

ריכבאַך האָט ביזן סוף פון דער מלחמה געהייסן רייכענבאַך. דאָס איז געווען אַ שיינע דייטשע שטאָט אַרום דרייסיק מייל פון דער גרויסער דייטשישער שטאָט ברעסלאו. דאָרט האָבן פריער געוואוינט רייכע דייטשן און אַ גאַנץ היפשע צאָל אידן, וועלכע זיינען פאַרציקט געוואָרן פון די נאַצישע געסטאַפּאָ. ווען רוסלאַנד האָט פאַרנומען נידער־שלעזיען און דאָס שטיק דייטשע לאַנד איבערגעגעבן צו פוילן אַלס פאַרגיטיקונג פאַר די מזרח־טיילן פון פוילן, האָבן אַ גרויסע צאָל אידן, צוריקגעקומענע פון די דייטשע לאַגערן, זיך אַריינגעקליבן אין דער שיינער שטעטל, פאַרנומען דאָרט אַ צאָל הייזער און גענומען "איינשטעלן זיך".

ריכבאַך איז אַ וואונדערבאַרע שיינע שטאָט, ספּעציעל איז די שטאָט שיין אין זומער צייט. עס איז אַ באַרגיקער געגנט, מיט אַ וואונדערבאַרער לאַנדשאַפט. די שטאָט איז פול מיט שיינעביימער און גרטנר. אַ פאַר׳חלומ׳טע רוהיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער שטאָט.

די איצטיקע איינוואוינער אין ריכבאַך באַשטיין פון אידן, פּאָלאַקן, רוסן און דייטשן. די אידן זיינען אין אַ מאַיאָריטעט. דאָ קומען די פּאָלאַקן און עטלעכע טויזנט רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַר זיך אָפּגעצוימט עטלעכע "בלאָק" הייזער — אָפּגעצוימט מיט דראָט, דאָרט קאָן קיינער ניט אַריינגיין, אַחוץ פאַר אָפיציעלע ביזנעס. די צאָל דייטשע מענער אין ריכבאַך איז זייער קליין. זיי טוען מרסטנס הויז־אַרבעט און באַדינונג פאַר אידן . . .

די פּאָלאַקן אין ריכבאַך ווייזן ניט אַרויס קיין האַס צו אידן( ווי דאָס איז אין אַנדערע שטעט, אפשר ווייל זיי זיינען דאָרט נאָך גרינע . . . זיי איז פרעמד דער געגנט, זיי לערנען זיך, פיל פון די אידן וועלכע האָבן זיך גיך אויסגעגרינט, אָדער אפשר האָבן זיי מורא אָנצופאַנגען דאָרט מיט אידן צוליב דעם סאָוועטישן גאַרניזאָן וואָס שטייט דאָרט . . .

די ערשטע אידן וואָס זיינען אַריין אין ריכבאַך, האָבן געקראָגן אַ צאָל שיינע הייזער, די בעסערע הייזער. די וואָס זיינען געקומען שפּעטער, האָבן נאַטירלעך געמוזט נעמען דאָס וואָס איז איבערגעבליבן, די קלענערע און אָרימערע וואוינונגען, און די אידן וועלכע מען האָט לעצטנס אַהינגעשיקט, די אָנגעקומענע ריפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, די זיינען שוין געווען אויף גאָר גרויסע צרות, פאַר זיי איז קיין פּלאַץ אין די הייזער ניט מער געווען. מען האָט געמוזט זיי אַריינגעבן אין די אידישע הייזער אַלס באַרדערס, דאָס האָט שווער געמאַכט דאָס לעבן פון די שוין איינגעזעסענע אידן, אָבער זיי זיינען געווען צופרידן צו טיילן זיך מיט די אידן. שפּעטער איז שוין מער קיין פּלאַץ ניט געווען אין די אידישע הייזער, האָט מען די אָנגעקומענע אידן פון רוסלאַנד, אַריינגעשטעלט אין עטלעכע האַלב־חרובע הייזער. דאָרט זיינען די אידן געווען אין אַ שלעכטע לאַגע. אין איינע פון די הייזער האָב איך געזען פרויען און קינדער איינשטיין אין צימערן וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט

וואַסער פון רעגען, וואָס איז געווען אַ טאָג פריער. שפּעטער האָט מען גע־קראָגן עטלעכע הייזער וואָס זיינען געווען אַביסל בעסער, אָבער דאָס האָט אַלץ ניט בעסער געמאַכט די לאַגע פון די ריפּאַטריאַנטן.

אין אַלגעמיין אָבער, איז די לאַגע פון די אידן אין ריכבאַך, געווען פיל בעסער אין מאָנאַט יוני, ווי עס איז געווען אין אַנדערע טיילן פון "נייעם פּוילן". דאָרט איז געווען פיל בעסער ווי אין שטעטין און אַפילו בעסער ווי אין ווראָצלאַוו און לאָדזש.

אין ריכבאַך זיינען דאָ אַרום צוואַנציק טויזנט אידן. די שטאָט איז ניט קיין גרויסע, אַזוי, אַז די אידן זעען זיך דאָרט אָן אויף שריט און טריט. עס איז דאָרט דאָ אַ פיינע אידישע סינאַגאָגע, אַ אידישע קולטור־הויז, מיט אַ אידישע שילד אין דרויסן, אַ גרויסע צאָל אידשע געשעפטן, אידישע פאַב־ריקן, מערסטנס קאָאָפּעראַטיווע. לויט ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן דער אידישער געהילף־סטאַראָסטע פון ריכבאַך, ה' וואָלף אַלפּערט, אַ וואַרשעווער אידישער יונגערמאַן, אַן אינזשיניר, זיינען 80 פּראָצענט פון די געשעפטן און די פאַבריקן אין ריכבאַך, אין אידישע הענט.

די אידן אין ריכבאַך זיינען אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעך און פּאַרטייאיש. דאָרט זיינען פאַראַן קלובן פון ציוניסטן, קאָמוניסטן, בונדיסטן און אַלע אַנ־דערע פּאַרטייען וואָס אידן האָבן אין פּוילן. יעדער קערט זיך אָן אין זיין קלייזל, אין פראַגן פון קולטור, קעגנזייטיקער הילף און הילף פאַר די ניי־צוגעקומענע און אויך אָנגעהעריקייט צו זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן, זיינען אַלע פּאַרטייען פאַראייניקט. ביי לעקציעס, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, זעט איר אַלע פּאַרטייען צוזאַמען, ספּעציעל זעט איר אַ "פאַראייניקטן פראָנט" ביי די ניי־אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן אָרגאַניזאַציעס.

אין ריכבאַך זיינען דאָ עטלעכע גוט־אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן. די גרעסטע איז די וואַרשעווער גרופּע, וועלכע ציילט אַרום דריי טויזנט מיט־גלידער. לעצטנס האָט די גרופּע געגרייט זיך צו עפענען דאָרט אַן אייגענעם קולטור־הויז, אָדער אַ "וואַרשעווער היים", ווי זיי רופן דאָס און וועט דינען פאַר די אידן אין ריכבאַך אַלס אַ צענטער פאַר ריפּאַטריאַנטן, אַ "בורזע", דאָס הייסט אַ פּלאַץ צו וואוינען פאַר אַזעלכע וואָס דאַרפן אַ דערווייליקע הויז, כּדי זיי זאָלן קאָנען אַרבעטן, אַ פרייע קיך און אַ קלוב־הויז פאַר די וואַרשעווער.

דער אידישער קאָמיטעט אין ריכבאַך איז, לויט מיין מיינונג, דער בעס־טער אָרגאַניזירטער וואַיוואָדישער קאָמיטעט אין גאַנץ פּוילן. דער פּאָרזיצער פון דעם אידישן וואַיוואָדישער קאָמיטעט דאָרט איז, יאָסל נעזנאַנאָווסקי, אַ גאַר קליין־געוויקסיקער וואַרשעווער איד, אָבער גאַר אַ פייאיקער מענטש. אַ מענטש וואָס איז זייער שטאַרק באַליבט ביי די דאָרטיקע אידן. אַפילו די עקסטרעמע קריטיקער פון דעם קאָמיטעט, האַלטן אַז ער איז אָרנטלעך, ערנסט און פייאיק, און אויב מען קריטיקירט אים אַמאָל, איז דאָס נאָר וויל ער האָט צופיל געדולד מיט זיינע העלפער אין קאָמיטעט, וועלכע שטעלן פיל מאָל ניט צופרידן די וואָס דאַרפן אָנקומען צום קאָמיטעט.

אין ריכבאַך זעט איר אַ צאָל עלטערע אידן מיט בערד, פּרויען מיט שייטלען. איר זעט פּאַרטאָג אידן גייען אין שול אַריין מיטן טלית אונטערן אָרעם. עס איז דאָרט דאָ אַ חדר פאַר פרומע אידישע קינדער און אַ מאַ־

דערגע שול פאַר אַנדערע. דאָרט זיינען פאַראַן עטלעכע "קבוצים" פאַר ציו־ניסטן און פּועלי־ציון. אין די "קבוצים" זיינען דאָ מערסטנס יונגוואַרג. יעדן פאַרנאַכט קומט מען זיך צוזאַמען, מען זינגט אידישע און העברעאישע ליי־דער, מען טאַנצט און מען טרינקט טיי.

עטלעכע מאָל אין וואָך קומען פאַר לעקציעס אין דעם קולטור־הויז. דער זאַל איז מערסטנס געפּאַקט מיט צוקוקער. עס קומען אויך פאַר אָפט סימ־פּאָזיומס און דעבאַטן איבער פאַרשידענע טאָג־פראַגן און ליטעראַרישע אָוונטן. דער עולם דאָרט, דורשט נאָך אַ אידיש וואָרט. ווען עס איז דאָרט פאַרגעקו־מען אַ באַגריסונג־אָוונט פאַר דער אַמעריקאַנער וואַרשעווער דעלעגאַציע, איז דער זאַל פון קולטור־הויז, וואָס נעמט אַריין עטלעכע טויזנט מענטשן, געווען איבערגעפּאַקט. מען איז געשטאַנען "קעפּ אָף קעפּ", אַפילו די שטיגן און די גאַס איז געווען פול מיט אידן.

ווען די אידן אין ריכבאַך אָרגאַניזירן עפּעס אַן אָוונט, קומען אַן קיין ריכבאַך פילע אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואו עס וואוינען איצט אַ צאָל פּוילישע אידן, ספּעציעל פון די דערבייאיקע צוויי שיינע שטעטלעך, ביעלאווע און פּעטראָלעשע. אין ביעלאווע איז דאָ אַ פאַבריק פון לייוונט, וואו עס אַרבעטן איבער דריי הונדערט אידן, און עס איז אויך דאָרט דאָ אַ וואַטע־קאָאָפּעראַטיווע, וואו עס אַרבעטן פופציק אידן. דאָרט אין דער וואַטע־פאַבריק, האָב איך אגב געזען, ווי מען מאַכט וואַטע פון די שמאַטעס וואָס אַמעריקאַנער אידן שיקן פאַר די פּוילישע אידן. דאָס האָט כלומרשט באַ־דאַרפט זיין קליידער, אָבער קיינער וויל דאָס ניט אָנטאָן דאָרט, און עס איז אַפילו פאַר וואַטע ניט גוט . . .

אין פּעטראָלעשע, אַ שטעטל ניט ווייט פון ביעלאווע, געפינען זיך עטלעכע הונדערט אידן. דאָרט פלעגן אַמאָל דייטשן פאָרן פאַר זייער זומער־וואַקאַציעס. דאָרט איז איצט דאָ אַ אידישע קינדער־היים, וואָס איז דאַכט זיך, די שענסטע אין פּוילן. פילע קליינע קינדערלעך געפינען זיך דאָרט. אויך אַ צאָל גרע־סערע קינדער, די היים ווערט זייער גוט פאַרוואַלטעט. די אידן פון פּעטראָ־לעשע זיינען שטאָלץ מיט דער היים, און דאָרט זיינען דערווייל די אידן אין אַ בעסערער לאַגע, ווייל זייער ווייניק ריפּאַטריאַנטן ווערן אַהין געשיקט. דער קולטור־צענטער פאַר די אידן פון פּעטראָלעשע, אַזוי גוט ווי פון ביעלאווע, איז ריכבאַך. אַהין פאָרט מען אין די אָוונטן און שבת־זונטיק גייסטיג זיך אויסצולעבן.

אין ריכבאַך געפינט זיך דער ערשטער אידישער "מושב זקנים" פאַר פּוילישע אידן זייט נאָך דער מלחמה. דאָרט זיינען דאָ אידישע פאַרמס, אי־דישע פאַרמערס, טאַקע אמת׳ע פאַרמערס, ניט ווי די פון די היגע "קעטס־קילס", וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פאַשען "באָרדערס". דאָרט פּאַשעט מען טאַקע עופות, פי, און עס וואַקסט טאַקע דאָרט אויף די אידישע פאַרמס עפּעס אַנ־דערש, אַחוץ ווילדע גראָז . . . דאָרט איז אויך געשאַפן געוואָרן דער ערשטער אידישער טעאַטער אין פּוילן נאָך דער מלחמה, טאַקע מערסטנס פון אַמאַ־טאָרן, אָבער פאָרט אַ גאַנץ פיינער טעאַטער.

דער רב פון ריכבאַך איז שטענדיק פאַרנומען מיט אידישע ענינים, מערסטנס מיט חתונות. עס קומען דאָרט, גאַנץ אָפט, פאַר חתונות צווישן יונגוואַרג און אויך צווישן עלטערע מענטשן, וועלכע קומען צוריק אָן זייערע מענער אָדער פרויען. אין דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען, איז טאַקע

פֿאַרגעקומען אַזאַ חתונה צווישן צוויי וואַרשעווער יונגע מענטשן. די כלה טובע גוטקינד און דער חתן הערץ בינדער, האָבן זיך טאַקע באַקאַנט אין ריכבאַך, ביי איינע פֿון די לעקציעס, פֿאַרליבט זיך און חתונה געהאַט. די וואַרשעווער דעלעגאַטן פֿון אַמעריקע, וועלכע זיינען דאַן געווען אין ריכבאַך, האָבן געמאַכט די חתונה אויף זייערע הוצאות.

אין ריכבאַך געפֿינט זיך אויך דער בעסטער אָרגאַניזירטער "וואַרשעווער קאָמיטעט". דער פֿאָרזיצער איז דער אידישער אינזשעניר אַלפּערט, אַ גאָר פֿייאיקער יונגערמאַן, און אַ צאָל פֿייאיקע וואַרשעווער מענער און פֿרויען. זיי האָבן פֿיל געטאָן צו פֿאַרלייכטערן דאָס לעבן פֿון די וואַרשעווער ריפּאַט־ריאַנטן אין יענער שטאָט.

ווען איר גייט איבער די ריכבאַכער גאַסן, הערט איר רעדן אַ פֿיינעם אידיש. דאָרט שעמט מען זיך ניט צו רעדן אידיש און מען האָט ניט קיין מורא צו רעדן. איר הערט שפּעט ביינאַכט, ווען איר גייט פֿון אַ לעקציע, אַ טעאַטער פֿאָרשטעלונג, אָדער פֿון אַ מיטינג, הערט איר רעדן לאַכן, שפּאַסן און רעדן אידיש. די אידן דאָרט פֿילן ניט אַז זיי דאַרפֿן זיך שרעקן פֿאַר אימיצן.

די עטלעכע טעג וואָס איך בין געווען אין ריכבאַך, האָבן ביי מיר איבער־געלאָזט אנגענעמענע דעראינערונגען וועגן די אידן און די אינסטיטוציעס פֿון דעם פֿיינעם אידישן ישוב אין ריכבאַך.

## איבער גאַנץ פּוילן אָרגאַניזירן זיך די אידן אין לאַנדסמאַנשאַפֿט אָרגאַניזאַציעס

איינע פֿון מיינע גרעסטע איבערראַשונגען וואָס איך האָב געהאַט ווען איך בין אָנגעקומען אין וואַרשע, איז געווען אויסצוגעפֿינען אַז איבער גאַנץ פּוילן, וואו נאָר עס געפֿינען זיך איצט גרעסערע גרופּן אידן, גייט אָן אַ פּי־בערהאַפֿטער קאַמפּעין צו אָרגאַניזירן זיך אין לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿאַראיינען און אַז די פֿירער פֿון די דאָזיקע גרופּן "קעמפֿן פֿאַר זייער רעכט", צו קריגן אָנערקענונג פֿון דער "דזשאָינט" און פֿון דעם "אידישן צענטראַל קאָמיטעט" אין וואַרשע.

אַזוי ווי איך בין פֿון לאַנגע יאָרן אַ שטאַרקער אָנהענגער פֿון די לאַנדס־מאַנשאַפֿטן אָרגאַניזאַציעס דאָ אין אַמעריקע און בין באַקאַנט מיט אַ גרויסע צאָל פֿירער פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, צוליב מיין אַקטיוויטעט אין די "לאַנדסמאַנשאַפֿטן קאָונסילס" ביי אונזערע "יונייטעד דזשואיש אַפּיל", "דזשאָינט" און "צדקה פֿעדעראַציע", האָב איך זיך שטאַרק אינטערעסירט אין דער דאָזיקער באַוועגונג ביי די פּוילישע אידן.

איך האָב גלייך אויסגעפֿונען אַז גאָר פֿלוצים, ספּאָנטאַן, פֿון זיך אַליין, איז געקומען דער דראַנג, ביי די אידן אין פּוילן, צו אָרגאַניזירן זיך אין באַ־זונדערע פֿאַראיינען, לויט זייערע שטאָטישע אָפּשטאַמונג. וואַרשעווער, וויל־נער, לאָדזשער, ביאַליסטאָקער, קאַלישער, ראַדאָמער, און אַזוי ווייטער. אַפֿילו גאָל קלייניקע שטעט ווי קאַלושין, זשירדאָוו, נאָווי־דוואָר, זשיכלין און אַנ־דערע, האָבן געטאָן דאָס זעלבע ווי די גרויסע שטעט. אַלע לאַנדסלייט האָבן אָרגאַניזירט זיך אין פֿאַראיינען, אויסגעקליבן באַאַמטע, אַלץ איז געטאָן גע־וואָרן "לעגאַל" לויט די געזעצן פֿון לאַנד, מיט קאָנסטיטוציעס, רעגיסטרירט

זיך ביי די "פּאָוויאַטן" און "וואָדיוואָיען", אויסגעקליבן טאַקע גלייך דעלע־גאַציעס, וועלכע זיי האָבן געשיקט קיין ווארשע צום "דזשאָינט" און צום "צענטראַל קאָמיטעט", וואו זיי האָבן געפּאָדערט אָנערקענונג פאַר זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן.

איך בין געווען גאָר נייגעריק צו וויסן פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען פלוצים די דאָזיקע באַוועגונג? וואָס האָט געטריבן די אידן צו שאַפן די לאַנדסמאַנשאַפטן און וואָס ווילן זיי?

דאָס איז געווען גאַנץ לייכט אויסצוגעפינען. איך האָב גערעדט מיט די פירער פון "דזשאָינט" און "צענטראַלן קאָמיטעט פון פּוילישע אידן" אין וואַר־שע. איך האָב גערעדט מיט די אויסגעקליבענע פירער אין די גאַסן פון וואַרשע, לאָדזש, וורצלאַוו, ריכבאַך, און צו אידן פון אַנדערע שטעט אין פּוילן.

די הויפּט־אורזאַך פון דער פּלוצים־דיקער באַוועגונג צו אָרגאַניזירן זיך אין לאַנדסמאַנשאַפטן, איז געקומען פון דער געוואַלדיקער אַנטוישונג וואָס די אידן אין פּוילן האָבן געפילט מצד די הילפס־קאָמיטעטן. דאָס איז געווען אין צייט ווען די לאַגע פון די אידן אין פּוילן אז געווען העכסט קריטיש. טויזנטער אידן, ספּעציעל די וואָס זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אין פּוילן פון רוסלאַנד, זיינען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פון לאָדזש און אין די שטעט פון נידער־שלעזיען און שטעטשין, הונגעריק, אָפּגעריסן און אָן אַ דאַך איי־בערן קאָפּ. זיי האָבן באַלאַגערט קאָמיטעטן, אָן דערפאָלג. דער "דזשאָינט" האָט דאַן געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג וועגן דער וואַלוטע פון דאָלאַר. דער צענטראַל קאָמיטעט האָט געקלאַפּט די טירן פון "דזשאָינט", געשיקט הילפס־רופן קיין אַמעריקע, אָבער קיין הילף איז ניט געקומען. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען נייע צוגן מיט אידן פון סאָוועט־רוס־לאַנד, און יעדן טאָג איז די לאַגע פון די אידן געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

דערווייל האָבן אַ צאָל אידן אָנגעהויבן קריגן אָפּטער בריוו פון אַמע־ריקע. דער פּאָסט און טעלעגראַפן פאַרקער צווישן פּוילן און אַמעריקע איז פיל פאַרבעסערט געוואָרן אָנפאַנג זומער. פילע אידן אין פּוילן האָבן אָנ־געהויבן קריגן בריוו פון זייערע קרובים און פון זייערע לאַנדסלייט מיט פּייער און האַרץ, מיט בענקשאַפט וואָס איז געווען אין זייערע פאַרביטערטע הערצער אַריבער זעקס יאָר. אין זייער אַנטוישונג און ביטערקייט צו די אָר־טיקע הילפס־קאָמיטעטן, האָבן זיי באַשלאָסן ביי זיך, אַז זייער הילף קאָן נאָר קומען, ערשטנס, פון זייערע אייגענע קרובים, און צווייטנס, פון זייערע לאַנדס־לייט, פון זייער היים־שטאָט.

אין יענער צייט האָבן די אידן אין פּוילן געהאַט זייער שטאַרקע טענות צו די גרויסע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, גערעדט מיט פול ביטערקייט און כעס קעגן די פירער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, באַשולדיקט זיי אין זאַכן, וועלכע זיינען געווען איבערטריבן און ניט אמת. אָבער אין אַ צייט, ווען דער כעס איז זיי אַריבער, ווען זיי האָבן רואיק באַטראַכט זייער לאַגע, האָבן זיי געטראַכט אַז נאָך אַלעמען קאָנען זיי צופיל טענות ניט האָבן צו די "פרעמדע" מענטשן און די הילפס־קאָמיטעטן. זיי קאָנען אָבער האָבן טענות, בעטן און טאַקע פאָדערן פון זייערע אייגענע קרובים און זייערע אייגענע לאַנדסלייט.

די בריוו וואָס מאַנכע האָבן געקראָגן פון זייערע קרובים זיינען געווען פול מיט ליבשאַפט, צערטלעכקייט פון אייגענע מענטשן, אַ זאַך נאָך וועלכן

זיי האָבן געבענקט אַ לאַנגע צייט. עס איז זייער ״אייגן בלוט און פלייש״, האָבן זיי געטראַכט, זייער גאַנצער האָפענונג, זייער גאַנצער גלויבן אין דער צוקונפט איז איצט געווענדעט געוואָרן נאָר אין איין ליניע, זייערע קרובים און זייערע לאַנדסלייט.

די בריוו פון אַמעריקע פון זייערע אייגענע לאַנדסלייט האָבן גערעדט און געוואַרעמט זייערע הערצער. יעדער בריוו איז געווען געשריבן אויף די ״סטיישאָנערי״ (בריוו־בלאַנקען) פון די ״סאָסייעטיס״ און ״רעליפס״. דאָרט האָבן זיי געזען די נעמען פון באַקאַנטע לאַנדסלייט, וועלכע זיינען געווען פאַר־שריבן אַלס די באַאַמטע פון די אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען מקנא געווען זייערע לאַנדסלייט פון אַמעריקע, וואָס זיינען אָרגאַניזירט דאָרט געזעלשאַפטלעך. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די מערסטע אידן וואָס זיינען איצט אין פוילן, זיינען געווען, איז אַזאַ זאַך ניטאָ. אין פוילן אָבער, איז דאָס דערלויבט, ווי פון זיך אַליין. האָבן אידן גענומען קהלן זיך, אַרומגיין מיט פּאַפּירן, גענומען זוכן אייגענע לאַנדסלייט, פאַרשריבן זייערע נעמען, גערופן מיטינגען, און איבער־נאַכט, זיינען אויפגעשטאַנען אָן אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשעווער, ווילנער, לאָדזשער און אַנדערע.

דעם אויוון־אָן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פוילן, פאַרנעמען טאַקע מיינע אייגענע לאַנדסלייט, די וואַרשעווער. אין לאָדזש איז דאָ אַ וואַרשעווער אָר־גאַניזאַציע וואָס ציילט אַרום דריי טויזנט מיטגלידער; אין ריכבאַך, אַרום דריי טויזנט; אין וורָאָצלאַוו אַרום 2,500; אין בילאַווע אַרום 300 און אין שטעטשין אַריבער דריי טויזנט. אויך אין פּראַגע, ביי וואַרשע, האָט זיך אין דער צייט פון מיין זיין אין פוילן, געגרינדעט אַ וואַרשעווער פאַראיין. נאָך די וואַרשעווער קומען די ווילנער מיט אַ גרויסע ווילנער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש און צווייגן אין אַנדערע שטעט אין פוילן. נאָך די ווילנער קומען די לאָדזשער, די ביאַליסטאָקער, די ראַדאָמער, די קאָלושינער, די קאַלישער. גאַנץ שוואַך אָדער כמעט אינגאַנצן ניט אָרגאַניזירט, זיינען די גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן. אָבער פאַר מיין אָוועקפאָרן פון פוילן האָט זיך שוין אַפילו ביי זיי אויך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. אפשר צוליב דעם וואָס זיי האָבן דער־וואַרטעט דאָס אָנקומען פון דעם פּרעזידענט פון ״גאַליציאַנער פאַרבאַנד״, ה. זוסמאַן.

די דעלעגאַציעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פוילן האָבן גענומען אָפּ־קלאַפּן די טירן פון ״דזשאָינט״ און פון ״צענטראַל קאָמיטעט״ אין וואַרשע. זיי האָבן געפאָדערט, ערשטנס, אָנערקענונג פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס; צווייטנס, דירעקטע הילף פון ״דזשאָינט״ און ״צענטראַל קאָמיטעט״ פאַר זייערע מיט־גלידער, דורך די לאַנדסמאַנשאַפטן קאָמיטעטן, און דריטנס, אַז די הילף וואָס אַן אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט ״רעליף״ וועט שיקן קיין פוילן, זאָל גיין דורכאויס פאַר דער דאָזיקער לאַנדסמאַנשאַפט.

ביי דער ערשטער קאָנפערענץ וואָס איך האָב געהאַט מיטן ״דזשאָינט״ אין וואַרשע, האָט דר. יוסף שוואַרץ, דער אייראָפּעאישער דירעקטאָר פון ״דזשאָינט״ מיר דערציילט זייער פיל וועגן דער לאַנדסמאַנשאַפט באַוועגונג אין פוילן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז דער ״דזשאָינט״ וועט קאָאָפּערירן מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן, געבן זיי אַלע נויטיקע הילף און אויסגעדריקט אַלגעמיינע צופרידנקייט מיט דער באַוועגונג. אין זעלבן זין האָבן אויך גערעדט מר. באַין און מיט גיטלאָר־באַרסקי, די פירער פון דזשאָינט אין פוילן.

איך מוז דאָ זאָגן, אַז סיי דר. שוואַרץ און סיי מר. באַין און גיטלאָוו, זיינען דורכאויס גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די אידן אין פוילן. אַלע דריי זיינען העכסט פּיזאיקע, סימפּאַטישע און גאָר אינטעליגענטע מענטשן. די "דזשאָינט" מעג זיין שטאָלץ מיט אַזעלכע פּאַרוואַלטער. הלואי וואָלט דאָס אַזוי געווען אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע . . . אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערער ענין. ביי דער זעלבער קאָנפערענץ איז מיר אויך איבערגעגעבן געוואָרן פון דר. שוואַרץ, אַז ער וועט מער זיך ניט דינגען מיט דער פוילישער רעגירונג וועגן דער וואַלוטע, ער וועט נעמען וואָס זיי וועלן געבן... אַבי גלייך צו קאָנען ברענגען אַ פאַרלייכטערונג צו דער קריטישער לאַגע אין וועלכע די אידן אין פוילן האָבן זיך דאַן געפונען.

דעם זעלבן טאָג האָב איך געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט די פירער פון דעם אידישן צענטראַל קאָמיטעט אין פוילן. אויך דאָרט איז די פראַגע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן געווען אויפן "טאָג־אָרדענונג". די מערסטע פירער פון קאָ־מיטעט זיינען געווען קעגן דער אָנערקענונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. איך האָב פיל גע'טענה'ט מיט די פירער, אויפגעוויזן די וויכטיקייט פון די לאַנדס־מאַנשאַפטן, אָנגעוויזן אַז זיי וועלן סיי ווי סיי דאָס ניט קאָנען באַקעמפן און אויך אָנגעוויזן, אַז דאָס וועט, אין אַ גרויסער מאָס, פיל פאַרלייכטערן די שווערע אַרבעט פון דעם "צענטראַל קאָמיטעט". די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנ־שאַפטן וועלן "עפענען זייערע קאַסעס" און עס וועט זיין אַ גרויסע טובה פאַר די געליטענע אידן אין פוילן.

פילע מיטגלידער אין קאָמיטעט זיינען געווען איינפאַרשטאַנדן מיט מיר. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַז מען וועט די זאַך אויפנעמען מיט די מיטגלי־דער פון דער דעלעגאַציע וואָס זיינען אין אַמעריקע. אַ וואָך שפּעטער בין איך, מיט פאַרגעניגן, געוואָרן געוואָרן, אַז דער "צענטראַל קאָמיטעט" וועט, פונקט, ווי דער "דזשאָינט" אָנערקענען די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פוילן.

דער "דזשאָינט" האָט טאַקע באַלד געעפנט אירע סקלאַדן פון קליידער פאַר אַ גרויסע צאָל פון די אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן. איך האָב געזען אַ צאָל בריוו וואָס מר. באַין, דער דירעקטאָר פון "דזשאָינט" אין פוילן, האָט אַרויסגעגעבן צו עטלעכע קאָמיטעטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, צו ווענדן זיך צו מר. מאַרכעלעס, דער דירעקטאָר איבער די קליידער־סקלאַדן פון "דזשאָינט" אַרויסצוגעבן די קאָמיטעטן קליידער, וועש, שיך און אַנדערע אַרטיקלען, צו פאַרטיילן דירעקט צו זייערע לאַנדסלייט.

אויך דער צענטראַל קאָמיטעט האָט באַלד געטאָן אַזעלכעס וואָס איז ביז דאַן אוממעגלעך געווען דאָרט. זיי האָבן אָנגענומען גרעסערע סומען געלט פון דער דעלעגאַציע פון דעם "אַמעריקאַנער קאונסיל פאַר וואַרשעווער אידן", וואָס איז באַשטאַנען פון דעם שרייבער פון די שורות, די הערן דרעוונאָוויטש און פרידמאַן, אַז די סומען געלט זאָל ווערן אויסגעטיילט צו די, אָדער דורך די "וואַרשעווער קאָמיטעס" אין וואַרשע, לאָדזש, שלעזיען, שטעטין און אַזוי ווייטער. דאָס האָט געמיינט, אַז מיט דעם "וואַרשעווער קאונסיל" איז געמאַכט געוואָרן דער אָנפאַנג, אַז רעליף אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, קאָנען באַשטי־מען סומען געלט, דורך דעם אידישן צענטראַל קאָמיטעט, "אירמאַרקט" (ספּע־ציעל באַשטימט) פאַר זייערע לאַנדסלייט אין פוילן. דאָס וועט זיכער אָפּ־שאַפן דעם תירוץ פון די היגע "רעליפס" צו האַלטן זייערע געזאַמלטע געלט

אין באַנק, און וועט ברענגען באַלדיקע הילף צו זייערע גערעטעוועטע לאַנדס־דייט.

צוריקקומענדיג דאָ אין אַמעריקע, האָב איך גערעדט מיט דר. זאַמערשטיין און אַנדערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פון "צענטראַל קאָמיטעט" וועגן דעם ענין. אַלע האָבן אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט דעם אויסגאַנג פון דער דאָזיקער פראַגע. דאָס איז אַ גוואַלדיקער געווינס פאַר די היגע לאַנדסמאַנשאַפטן.

איצט דאַרפן די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן רעליף אָרגאַניזאַציעס טאָן זייער פליכט צו זייערע לאַנדסלייט אין פּוילן. איצט איז מער קיין תרוצים ניטאָ. די היגע לאַנדסמאַנשאַפטן רעליפס זיינען איצט די הויפּט־האָפענונג פאַר די גערעטעוועטע ליידנדע אידן אין פּוילן. די היגע קרובים און לאַנדס־לייט מוזן זיין די ערשטע צו העלפן זייער אייגן בלוט און פלייש אין זייער ביטערער לאַגע. אין דעם וועלן זיי האָבן די מיטהילף סיי פון דער "דזשאָינט" און סיי פון דעם "צענטראַלן קאָמיטעט" פון פּוילישן אידן".

די ניי־אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּוילן לייגן גרויסע האָפע־נונגען אויף זייערע לאַנדסלייט פון אַמעריקע. זאָלן דאָס די היגע לאַנדס־מאַנשאַפטן פירער זייער גוט געדענקען. אויב די אידן אין פּוילן וועלן חלילה דאַרפן אַנטוישט ווערן אין זייערע קרובים און לאַנדסלייט, וועלן זיי פאַרלירן אַלע האָפענונגען פאַר זייער צוקונפט און זייער קליינעם לוסט צו בלייבן לעבן . . . זאָלן די היגע לאַנדסלייט דאָס גוט געדענקען . . .

## כמעט אַלע אידן ווילן אַוועק פון פּוילן — אָבער . . .

עס איז ביז איצט שוין גאָר פיל געשריבן געוואָרן וועגן דעם אַז די פּוילישע אידן ווילן אַנטלויפן פון דעם נייעם פּוילן. אַנדערע האָבן געשריבן אַז מען מוז די אידן אַרויסנעמען פון דעם לאַנד וואו אידן האָבן אַזוי פיל געליטן און זיינען נאָך איצט אויך ניט זיכער מיט זייער לעבן. ציוניסטן האָבן געשריגן, אַז אַלע אידן ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל, אַנדערע האָבן אפילו געשריבן, אַז מען דאַרף די אידן אין פּוילן קיין הילף נישט שיקן, נאָר אַרויסראַטעווען זיי פון דעם "פאַרשאָלטענעם פּוילן". און גאָר אַנדערע האָבן גע'טענה'ט אַז די "אידן מוזן בלייבן אין פּוילן", צי זיי ווילן אָדער ווילן ניט, ווייל — ווייל, מען מוז בויען אַ אידיש לעבן אין פּוילן, די ציוניסטן אויף צו להכעיס . . .

איך האָב די פראַגע שטודירט, נאָכגעזוכט, אויסגעפאָרשט און אָט וואָס איך האָב אויסגעפונען.

די מערסטע אידן אין פּוילן ווילן אַוועק פון דאָרט, זיי ווילן אַוועק און טוען אַלץ אין דער וועלט צו אַנטלויפן פון דאָרט, לעגאַל אָדער אומלעגאַל. עס איז אַ בהלה פון לויפן און די וואָס לויפן ניט, רעדן פון אַוועקפאָרן.

איידער עס זיינען אָנגעקומען קיין פּוילן די גרויסע צאָל ריפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, האָבן די אידן דאָרט גערעדט וועגן פאָרן קיין ארץ ישראל. איצט אָבער הערט איר נאָר וועגן אַמעריקע רעדן. אַלע ווילן פאָרן קיין אַמעריקע. אפילו די וואָס האַלטן אַז מען דאַרף ניט רעדן אַזוי פיל וועגן אַנטלויפן פון פּוילן, און אַז מען מוז העלפן בויען אַ אידיש לעבן דאָרט, אפילו זיי רעדן אויך מיט אייך וועגן די אויסזיכטן צו קריגן "פּאַפּירן" פון זייערע פעטערס אין אַמעריקע. נאַטירלעך, זיי רעדן דאָס אין דער שטיל, ווען קיינער איז דערביי ניטאָ . . .

## וואָס זיינען די הויפּט־אורזאַכן פון וועלן אַנטלויפן פון פּוילן ?

ערשטנס, זיינען זיי דאָרט ווי אויף אַ גרויסן בית־הקברות, וואו עס ליגן די ביינער און די אַש פון זייערע אייגענע און טייערע. דאָרט איז דער אומגליק געשען, און פּונקט ווי עס פירט זיך דאָ ביי אונז אידן אין אַמעריקע, אַז ווען עס פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק אין אַ פאַמיליע, עס שטאַרבט אימיצער אין הויז. ציט מען זיך אַרויס פון דער דירה, וואו עס האָט דער אומגליק פּאַסירט. (כאָטש וואָס איז די דירה שולדיק ?) פּונקט אַזוי ווילן די אידן אין פּוילן אַוועק פון דאָרט וואו עס איז פאָרגעקומען זייער אומגליק.

צווייטנס, בושעוועט דאָרט דער אַנטיסעמיטיזם נאָך איצט פיל שטאַרקער ווי פאַר דער מלחמה. די מערסטע פּאָלאַקן באַגעגענען די צוריקגעקומענע אידן מיט פיינטשאַפט. צענדליקע טויזנטער פּאָלאַקן לעבן זיך איצט זייער פיין פון די אַנגערויבטע אידישע געשעפטן. זיי ציטערן, אַז עס זאָלן חלילה ניט צוריקקומען די אידן צו וועמען די געשעפטן האָבן פריער געהערט. די לאַגע אין לאַנד איז, אין אַלגעמיין, ניט קיין זיכערע, מען קאָן ניט פאָרן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. די "באַנדעס" באַפאַלן די באַנען, די אויטאָמאָבילן, און די ערשטע קרבנות זיינען אידן. אַ דירה צו קריגן איז ניט מעגלעך, כאָטש אין די קליינע שטעטלעך זיינען דאָ איבערגעבליבענע וואוינונגען, אָבער אידן קאָנען דאָרט ניט זיין. האַנדלען איז פאַר אַ איד שווער אין פּוילן, און אום צו קריגן אַ שטעלע ביי אַרבעט, מוז מען פריער האָבן אַ וואוינונג.

דריטנס, איז איצט פאַר אַ איד אין פּוילן גאָר שווער צו לעבן אָן די איבעריקע טיילן פון זיין משפּחה. איבעראַל זיינען דאָ נאָר "איינצלנע" איבערגעבליבענע מענטשן פון גרויסע פאַמיליעס, זיי לעבן איבער טעג און נעכט אין געדעכעניש פון דעם שרעקלעכן קאַשמאַר וואָס איז פאָרגעקומען מיט זייערע ליבע און טייערע אין טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אָשווענצים. זיי בענקען נאָך אָן אייגענעם, דער "אייגענער" איז מערסטנס אין אַמעריקע. עס ציט זיי צו לויפן צו זייערע אייגענע, דאָרט אויסוויינען זיך, אויסרעדן זיך פון הארץ און אפשר, אפשר אביסל פאַרגעסן זייער אומגליק און קאָנען ביסלעכווייס אויפהערן צו "שעמען זיך" מיט דעם, פאַרוואָס זיי זיינען געבליבן לעבן.

יאָ, איך האָב געהערט פון פילע אידן אין פּוילן, אַז זיי שעמען זיך מיט דעם וואָס זיי זיינען געבליבן לעבן . . .

עס זיינען נאָך דאָ פילע אַנדערע אורזאַכן פאַרוואָס די אידן אין פּוילן ווילן אַנטלויפן. אָבער די דריי אויבנדערמאָנטע אורזאַכן זיינען די ערשטע פאַרוואָס די אידן אין פּוילן שטייען מיטן רענצל אין האַנט, גרייט יעדע מינוט, ביי יעדער געלעגנהייט צו אַנטלויפן פון לאַנד.

וואָס זיינען די אויסזיכטן אַז די אַלע אידן זאָלן קאָנען אַרויס פון פּוילן ? וואָס זיינען די אויסזיכטן אַז זיי זאָלן קומען קיין אַמעריקע וואו די מערסטע ווילן פאָרן ?

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז אַ טראַגישער. עס איז שרעקלעך צו דענקען דערפון. איך האָב דאָס געוואוסט, ווען איך בין אין פּוילן געווען און איך האָב ניט געהאַט דאָס האַרץ און דעם מוט דאָס צו זאָגן די אידן אין פּוילן, ווייל פילע פון זיי, ווען זיי וואָלטן ווייסן דעם שרעקלעכן אמת, וואָלטן זיכער זעלבסטמארד באַגאַנגען.

איינער פון די העכסטע באַאַמטע אין דער אַמעריקאַנער אַמבעסי אין וואַרשע האָט מיר געזאָגט, אַז די פּוילישע קוואָטע פאַר דעם יאָר איז בלויז זעקס טויזנט וויזעס. דאָס נעמט אַריין די פאָלגנדע פינף שטעט : וואַרשע, פּאַריז, מאַרסעי, שטאָקהאָלם און נעאַפּעלס. אין די אַלע פינף שטעט זיינען דאָ טויזנטער אידן וואָס וואַרטן אויף זייערע וויזעס. פון איצט ביז אָנפאַנג 1947 וועט אויף יעדע פון די שטעט אויסקומען אַרום צוועלף הונדערט וויזעס, אין דער צייט ווען אַפילו פופציק טויזנט וויזעס וואָלטן ניט געקאָנט צופרידנשטעלן די אידן אין פּוילן, וועלכע האָבן שוין זייערע אַפידייוויטס און האָפן, אַז אָט־אָט קומט זייער הילף און זיי קריגן באַלד זייער וויזע קיין אַמעריקע.

דער הויפּט פון דער וויזע אָפּטיילונג אין פּאַריז, האָט מיר געזאָגט, אַז בלויז אַרום טויזנט פּוילישע אידן וועלן, פון איצט ביז ענדע יאָר 1946, קריגן וויזעס, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אַרום 15 טויזנט מענטשן האָבן שוין אָפּגעגעבן אַפּליקאַציעס פאַר וויזעס. דאָס זעלבע איז געוויס אין אַנדערע שטעט, וואו עס געפינען זיך פּוילישע אידן, וועלכע וואַרטן און האָפן באַלד צו קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע.

אויב אָבער די פּוילישע אידן אין פּאַריז, שטאָקהאָלם, מאַרסעי און נעאַפּעלס זיינען אומגעדולדיק און וועלן זיין אַנטוישט ווען זיי וועלן זיך דערוויסן דעם אמת, אַז זיי וועלן נאָך מוזן וואַרטן אַ לאַנגע צייט ביז עס וועט קומען זייער נעקסט פאַר אַ וויזע, איז דאָס אָבער ביי די אידן אין פּוילן פּשוט אַ לעבנס־פראַגע. אין די אַנדערע ערטער קאָנען נאָך די אידן ווי עס איז שלום מאַכן מיט זייער שיקזאַל און וואַרטן, אָבער אין פּוילן איז דאָס אַ קאַטאַסטראָפע, און דערפאַר לויפן אַזוי די אידן צו די גרענעצן פון דייטש־לאַנד, אַריינצוכאַפּן זיך אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, ניט קוקנדיק אויף די אַלע געפאַרן וואָס עס שטייט זיי פאָר אויפן וועג אַהינצו.

ווען איר זעט די פאַרצווייפלונג פון די אידן אין פּוילן, ווען איר רעדט צו זיי וועגן דעם פּראָבלעם פון קריגן אַ וויזע קיין אַמעריקע, וועגן דער אַמעריקאַנער קוואָטע, עס איז גאָרניט צו באַשרייבן זייער צער און צאָרן, זיי פרעגן גלייך מיט פייער:

"קאָנען די אַמעריקאַנער אידן גאָרניט טאָן אין דעם אומגליק?" "פאַר־וואָס שווייגן אונזערע ברידער אין אַמעריקע?" "פאַרוואָס לייגן זיי ניט איין וועלטן צו ענדערן דעם שרעקלעכן גזר?"

זיי רעדן מיט פאַרדרוס וועגן דעם, זיי דענקען אַז אַמעריקאַנער אידן קאָנען זייער פיל אויפטאָן אין וואַשינגטאָן, צו ענדערן דעם קוואָטע־געזעץ פאַר פּוילן, אַז אַן אויסנאַם זאָל געמאַכט ווערן פאַר די געליטענע פּוילישע אידן, זיי גלויבן אין אַמעריקע. זיי זיינען זיכער, אַז ווען רוזוועלט וואָלט איצט געלעבט, וואָלט אַנדערש געווען .. . זיי האַלטן אַז אַמעריקאַנער אידן ווייסן ניט אָדער ווילן ניט וויסן וועגן זייער ביטערן גורל, אַז ניט, וואָלטן זיי אָפּגעשלאָגן די טירן פון קאָנגרעס און פון ווייסן הויז, און געזען אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם אין דעם קוואָטע־געזעץ פאַר די פּוילישע אידן.

איר הערט זיי אויס און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן אויף די גערעכטע טענות. איר שעמט זיך אפילו צו פאַרענטפערן זיך און איר שווערט ביי זיך אין האַרצן, אַז ווען איר וועט קומען צוריק אין אַמעריקע וועט איר וועלטן איינליינגן, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן פאַר די אומגליקלעכע אידן אין פּוילן.

ווען איר קומט אָבער צוריק אַהער און איר הויבט אָן רעדן וועגן דעם מיט די היגע אידישע פירער, קריגט איר אַ קאַלטן מאַך מיט דער האַנט — "עט, מען קאָן קאָרניט טאָן", אָדער מען מאַכט אייך פילן, אַז "עס זיינען דאָ וויכטיקערע זאַכן צו טאָן אין אַמעריקע" . . . איך דענק אָבער, אַז דאָס וויכטיקסטע וואָס אַמעריקאַנער אידן קאָנען טאָן פאַר די פּוילישע אידן איצט, איז, צו ווירקן אַז אויסנאַמען זאָלן געמאַכט ווערן פאַר די פּוילישע אידן אין דעם קוואָטע־געזעץ, אַז מער וויזעס זאָל געגעבן ווערן צו די אידן אין פּוילן ווי די זעקס טויזנט אַ יאָר וואָס דער געזעץ דערלויבט.

ווען אונזערע אידישע פירער זאָלן זיך ערנסט נעמען צו דער פראַגע און די אידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיי געבן די נויטיקע שטיצע דורך פּעטיציעס צום פּרעזידענט, אויפוועקן די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע צו דער לאַגע פון די אידן אין פּוילן, וועט זייער פיל געקאָנט געטאָן ווערן אין דעם פּרט.

פילע אידן אין פּוילן האַלטן אַז די אַמעריקאַנער אידן האָבן זייער פיל "פאַרזען" ווען עס איז אויף זיי געקומען דער גרויסער חורבן, טויזנטער אידן וואָלטן געקאָנט געראַטעוועט ווערן, ווען אַמעריקאַנער אידן וואָלטן אין צייט עפּעס געטאָן. אַמעריקאַנער אידן האָבן אפשר אַ שטיקל ענטפער, אַז דאַן איז געווען מלחמה, און מען האָט ניט געקאָנט טאָן מער. איצט אָבער איז קיין תירוץ ניטאָ, עפּעס מוז גלייך געטאָן ווערן צו העלפן די פּוילישע אידן וואָס ווילן קומען אַהער.

די טירן פון דעם פרייען אמעריקע מוזן וואס גיכער געעפנט ווערן פאר די פארוואגלטע אומגליקלעכע פוילישע אידן. מיר מוזן זיך גלייך ווענדן צום פרעזידענט צו עפענען די טירן פאר די קרבנות פון די נאצי מערדער, אז ניט, וועלן טויזנטער פון די געראטעוועטע אידן באגיין זעלבסטמארד. לאמיר דאס פארהיטן איידער עס ווערט שפעט.

דאס וועט זיין די גרעסטע און אנערקענטסטע הילף וואס מיר קאנען איצט געבן צו די פוילישע אידן, ספעציעל צו די אידן וואס ווילן דורכאוים ארויס פון דארט.

פאר די אידן וואס ווילן בלייבן און פאר די וואס קאנען דערווייל ניט ארויס, מוזן מיר זיך זארגן און שיקן גלייך די הילף וואס זיי ווילן און מוזן האבן, ברויט, קליידער, ארבעט, איינשטעלן קאאפעראטיווע פאבריקן און אויפהערן רעדן וועגן א "יציאת פוילן", ווייל שפייזן די אידן אין פוילן מיט פאלשע האפענונגען איז ניט יושר'דיק און אומגערעכט.

ניו־יארק, 15טען יולי, 1946.

## "אידישע שטעט" אין פוילן, וואו עס זיינען מער קיין אידן ניטא

**לאיוויטש, זאמאסט, הוירבישאוו, ווענגראווע, קאלושין. — דאס ביסל אידן אין לובלין. — פארוואס די אידן מוזן פארלאזן די קלענערע שטעט. — פוילישע סוחרים אין אידישע געשעפטן.**

אז מען פארט מיט אן אטאמאביל פון ווארשע קיין לאדזש, קומט אויס דורכצופארן די שטאט לאיוויטש, וועלכע איז פאר דער מלחמה געווען בארימט אין פוילן אלס א "אידישע שטאט" און אלס א האנדלס־שטאט. די בארימטע לאיוויטשער יארידן האבן געהאט א שם אויף דער וועלט. דער לאיוויטשער שטאט־מארק איז געווען שטענדיק געפאקט מיט פויערשע וועגענער זומער און ווינטער, אחוץ שבתים און יום־טובים. די געשעפטן אין לאיוויטש זיינען געווען אלע אידישע און די באפעלקערונג איז מערסטנס געווען א אידישע.

איצט איז פון דעם אלעם גארניט געבליבן. ניטא מער קיין אידישע געשעפטן; ניטא מער קיין אידישע הייזער; ניטא מער קיין אידן אין לאיוויטש, און דער גרויסער "מארק" אין מיטן שטאט איז איצט מערסטנס פוסט.

איך בין געפארן פון ווארשע קיין לאדזש מיט דעם אטאמאביל פון "דזשאינט". דאס איז א גרויסער "לימאזין". פון דרויסן אויף דעם אטא־מאביל איז אנגעשריבן דער נאמען "אמעריקען דזשאינט דיסטריבוישאן קאמיטע". מען האט מיר געזאגט, אז דאס איז א גוטער מיטל געגן באנדיטישע אנפאלן אויפן וועג, ווייל באטש דער אטאמאביל־וועג צווישן ווארשע און לאדזש איז א גוטער און מערסטנס א באוואוינטער, איז דאך דער וועג ניט אינגאנצן זיכער. פון צייט צו צייט קומען דארט פאר אנפאלן אויף "באסעס" און אטאמאבילן. אבער פאר א "דזשאינט" קאר האבן אפילו די באנדיטן רעספעקט . . .

אויפן וועג קיין לאדזש איז דער אטאמאביל בלויז דורכגעפאן די שטאט לאיוויטש, אבער זיך ניט אפגעשטעלט דארט. מיר האבן פון קאר געזען דעם מארק, וואס איז געווען פוסט, לעדיק. בלויז אויף די שמאלע טראטוארן ארום דעם מארק־פלאץ זיינען געשטאנען עטלעכע מענטשן און געהאנדלט מיט אלטע קליידער און קלייניקייטן. די שילדן אויף די געשעפטן זיינען קריסטלעכע נעמען. אלץ איז געווען שטיל, גלייך ווי די מענטשן דארט וואלטן זיך געשעמט מיט זייער האנדל . . .

מיט עטלעכע טעג שפעטער, ווען איך בין געפארן צוריק פון לאדזש קיין ווארשע, האב איך זיך שוין אפגעשטעלט אין לאיוויטש, טאקע אין סאמע

מיטן מאַרק־פּלאַץ. איך בין אריין אין איינער פון די רעסטאָראַציעס עפּעס עסן, כדי צו קענען אביסל אָרומקוקן זיך.

דער רעסטאָראַן איז אַמאָל געווען אַ אידישער. דאָרט פלעגן עסן די אידישע סוחרים אויף די לאַיוויטשער יאַרידן. היינט געהערט דאָס געשעפט צו אַ פּאָלאַק. דאָרט שטעלן זיך אָפּ אַלע "אָטאָ־באַסעס", וועלכע פאָרן דורך לאַיוויטש. דאָרט קריגט מען אַלץ וואָס אייער הארץ גלוסט — די בעסטע פליישן, שנאַפּסן, וויינען. די פּרייזן זיינען אַזעלכע, אַז אַ פּוילישער ארבעטער קאָן זיך ניט פאַרגינען דאָרט צו עסן. אַלץ איז דאָרט "שווארץ־בערזע פּרייזן . . . אָבער די נייע אויפגעקומענע פּוילישע "ביזנעסלייט" קאָנען זיך גאַנץ גוט פאַרגינען צו צאָלן די הויכע פּרייזן, ווייל זיי מאַכן איצט גאָר גוטע געשעפטן . . .

די געוועלבער זיינען געווען אָפן פאַר ביזנעס", אָבער די טירן זיינען געווען פאַרמאַכט, און אינעוועניג זיינען געווען ווייניג קויפער, אָדער גאָרניט קיין קויפער, און די וואָס זיינען שוין יאָ געווען אין די געוועלבער האָבן געהאַנדלט אין דער שטיל, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען פול מיט סודות . . .

אַ גוי מיט לאַנגע וואָנצעס איז געווען גאָר פאַרנומען מיט אַן אויסגע־דאַרטן בעזים. ער האָט זיך געדרייט אויפן פּוסטן מאַרק־פּלאַץ, געזוכט עפּעס אויסצוקערן. ער האָט אָבער קיין אַרבעט ניט געהאַט . . . איך האָב פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דער שטאָטישער מאַרק־רייניקער פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. פריער, ווען די אידן זיינען דאָ געווען, איז ער געווען פאַרנומען מיטן רייניקן דעם מאַרק־פּלאַץ טאָג און נאַכט. איצט, זאָגט ער, איז אַ מחיה . . . ניטאָ וואָס צו קערן, ניטאָ וואָס צו רייניקן . . .

איך האָב אים געפרעגט ,צי עס זיינען דאָ אידן אין לאַיוויטש. ער האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, אַז קיין איין איד איז איצט ניטאָ אין לאַיוויטש.

ער האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער רעדט דאָ מיט אַ איד. ער האָט, ווייזט־אויס, פאַרשטאַנען פון מיין שלעכטן פּויליש רעדן און פון מיין אַמעריקאַנער אָנטאָן, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער איד, און ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די אידן, וועלכע האָבן פריער געוואוינט אין לאַיוויטש, ווילן זיך מער דאָ ניט באַזעצן, ווייל — "זיי האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן". די געשעפטן געהערן צו די קריסטן און אידן אָן געשעפטן האָבן ניט נאָך וואָס צו זיין אין ליאַוויטש . . .

ער איז געווען נייגעריג צו וויסן, וואָס איך טו אין לאַיוויטש. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען פון אַמעריקע צו העלפן די אידן אין פּוילן, וועלכע דאַרפן הילף. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל די הילף געבן צו די אָרימע פּאָלאַקן אין לאַיוויטש . . .

איך האָב אים איבערגעלאָזט מיטן דאַרן בעזים. איך האָב אריינגעקוקט אין די אַמאָליקע אידישע געשעפטן. איבעראַל העננט אנטקעגן דער טיר אַ בילד פון דער "הייליקער מוטער" מיט אַ ברענעדיק לעמפּעלע . . . און ביי מאַנכע טירן איז נאָך אַלץ צוגעקלאַפּט דאָס קליינע מזוזה'לע, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקע אייגנטימער . . .

איך בין אוועק פון לאַיוויטש מיט אַ שווערן געמיט. איך האָב זיך געקליבן פאָרן אין אַ רייע "אידישע" שטעטלעך. איך האָב אָבער באַשלאָסן, אַז איך זאָל פריער אויסגעפינען גענויע אינפאָרמאַציע וועגן די דאָזיקע שטעטלעך איידער איך פאָר אהין. איך האָב מער ניט געוואָלט מיין פוס אריינשטעלן אין די דאָזיקע געוועזענע אידישע שטעט, וואָס זיינען איצט "אידן־ריין" . . .

איך האָב געזאָלט פאָרן קיין קאָלושין און אין ווענגראָווע, צוויי שטעטלעך נעבן נאָווי־מינסק און ניט ווייט פון שעדלעץ. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז אין ווענגראָווע זיינען געווען עטלעכע אידן, אָבער זיי זיינען אַלע קוים

אנטלאָפן מיטן לעבן. זיי האָבן געקראָגן וואָרנונגען פון די דאָרטיקע פּוילישע סוחרים, אַז זיי זאָלן גלייך אַרויס פון שטאָט, אויב דאָס לעבן איז זיי ליב . . .

אין קאַלושין איז ניטאָ קיין איינציקער איד אין דער געוועזענער אידישער טליתים שטאָט. קאַלושין איז כמעט גענצלעך חרוב געוואָרן, ווען די נאַציס האָבן אין 1940 אונטערגעצונדן די שטאָט פון אַלע זייטן און געשאָסן אויף די אַנטלויפענדע אידן מיט מאַשין־ביקסן. דאָרט, אין דער שטאָט וואָס איז געווען אַבציק פּראָצענט אידיש, געפינט זיך איצט ניט קיין איינציקער איד. פּראָפּאָרציאָנעל זיינען געראַטעוועט געוואָרן קאַלושינער אידן מער ווי אַנדערע לאַנדסלייט פון פּוילן, און די לעצטע פּאָר מאָנאַטן זיינען פון רוסלאַנד צוריק געקומען אַ גרויסע צאָל קאַלושינער אידן, פיל פון זיי זיינען אַוועק גלייך אין זייער "היים־שטאָט" קאַלושין. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דאָרט עפּעס געפינען פון זייערע הייזער אימעצן פון זייערע פאַמיליעס. אָבער ווען זיי זיינען געקומען קיין קאַלושין און אַרומגעקוקט זיך, זיינען זיי גלייך אַנטלאָפן פון דאָרט . . .

עס באַפאַלט אַ שרעק דעם קאַלושינער איד וואָס קומט איצט אָן אין זיין שטעטל. אַלץ איז חרוב און טויט, אַלץ איז פּוסט, אַפילו דער בית־עולם איז חרוב. ניטאָ קיין איד, ניטאָ קיין אידיש הויז. און די אידן וואָס קומען צוריק איצט פון קאַלושין האַלטן, אַז קאַלושין וועט שוין קיינמאָל ניט מער זיין אַ אידישער ישוב. עס וועט בלויז פאַרבלייבן דער סימבאָל פון דעם שיינעם אידישן טליתים־צענטער אין פּוילן — קאַלושין . . .

אין דעם לובלינער געגנט אין פּוילן זיינען געווען אַ גרויסע צאָל "אידישע שטעט". לובלין אַליין איז געווען די דריטע אידישע שטאָט אין פּוילן, נאָך ווארשע און לאָדזש. איצט געפינען זיך אין לובלין בלויז אַ צוויי־דריי הונדערט אידן, און אויך דאָס ביסל אידן וואָלטן וועלן אַוועק פון דאָרט. דער גאַנצער לובלינער געגנט איז פול מיט באַוואָפנטע באַנדעס, וועלכע זיינען באַהאַלטן אין די וועלדער און אין די בערג. לובלין אַליין איז מער אָדער ווייניגער, ניט אין קיין געפאַר פאַר אידן. לובלין איז געווען די פּוילישע הויפּט־שטאָט איידער ווארשע איז באַפרייט געוואָרן פון די נאַציס. דאָרט געפינט זיך נאָך איצט אַ גרויסע אָפּטיילונג פון רוסישע מיליטער. און דאָרט איז אויך דאָ פיל פּוילישע מיליטער, אַזוי אַז די באַנדעס פון יענעם געגנט וואַגן ניט אַריינצוקומען אין לובלין גופא.

דערפאַר אָבער איז שלעכט אין דער שטאָט זאַמאָסטש, וואָס איז ניט ווייט פון לובלין. זאַמאָסטש איז אַ באַרימטע אַלטע אידישע שטאָט אין פּוילן. פון דאָרט שטאַמט אונזער ריז פון דער אידישער ליטעראַטור, י. ל. פּרץ. די שטאָט איז געווען באַרימט מיט איר אינטעליגענטער יוגנט און מיט די פילע "שאַרפע קעפּ" פון פּוילישן אידנטום. איצט איז זאַמאָסטש "אידן־ריין". דאָס ביסל אידן וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען אָנפאַנג זומער זיינען אַרויס פון דאָרט אויפן ראַט פון דעם "אידישן צענטראַל קאָמיטעט פאַר פּוילישע אידן", ווייל דער קאָמיטעט האָט איינגעזען, אַז עס איז פיל בעסער אַרויסצונעמען פון דאָרט דאָס ביסל אידן איידער עס ווערט צו שפּעט . . .

דאָס זעלבע איז אויך געטאָן געוואָרן מיט די אידן פון הורבעשאָוו, אָדער ווי מען רופט עס הוירבעשאָוו, ניט ווייט פון זאַמאָסטש. אויך דאָרט איז די לאַגע פון דעם ביסעלע אידן געוואָרן געפערלעך צוליב די באַוואָפנטע באַנדעס, און מען האָט געהייסן די אידן אַרויספאָרן פון דאָרט און באַזעצן זיך אין לובלין, לאָדזש, אָדער אין שלעזיע. הוירבעשאָוו איז פאַר דער מלחמה געווען פון די שענסטע אידישע צענטערן אין פּוילן, מיט פיין־אָרגאַניזירטע אידישע אינסטיטוציעס, קלובן און ספּאָרט־געזעלשאַפטן.

די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס אידן ווערן אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגט אין די געוועזענע "אידישע שטעט" איז, ווייל אַלע אידישע געשעפטן אין די דאָזיקע שטעט זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די גוים. ניינציק פּראָצענט אידישע געשעפטן זיינען צעראַבירט געוואָרן. די נייע "ביזנעס־לייט" טוען גאַנץ גוטע געשעפטן. עס שמעקט זיי די נייע פּרנסה . . . און זיי ציטערן פאַרן געדאַנק, אַז טאָמער וועלן זיי דאַרפן אָפּשטעלן צוריק די געשעפטן. זיי זיינען

אויף דער וואָך צו זען, אַז אידן זאָלן ניט צוריקקומען אין זייערע שטעטלעך, ווייל עס קאָן דאָך זיין, אַז דער איד וועט פריער אָדער שפּעטער צוריק פאָדערן זיין געשעפט.

איך האָב געזען אין לאָדזש און אין וואַרשע אַ צאָל פון די דאָזיקע נייע־אויפגעקומענע פּוילישע סוחרים, אויסגעפּאַשעטע, זאַטע, צופרידענע. זיי דרייען זיך אַרום די פאַבריקן וואו מען קאָן קריגן אַביסל סחורה, זיי צאָלן יעדן פּרייז פאַר סחורה, אַלץ אויפן שוואַרצן מאַרק. עס אַרט זיי ניט וויפיל זיי באַצאָלן פאַר דער וואַרע. זיי ווייסן, אַז זיי וועלן פאַרדינען אָן דעם דריי מאָל אַזויפיל וויפיל עס האָט זיי געקאָסט, אַלץ אויפן שוואַרצן מאַרק.

די דאָזיקע פּוילישע ביזנעס־לייט האַלטן ניט פון צאָלן שטייערן (טעקסעס) פון זייערע שווערע פאַרדינסטן, זיי ווילן אַלץ פאַר זיך אַליין. זייער תירוץ איז, אַז זיי ווילן ניט צאָלן קיין שטייערן צו אַ אידישער רעגירונג . . . אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ תירוץ אַרויסצודרייען זיך פון צאָלן שטייערן. די רעגירונג נעמט אָן שטרענגע מיטלען קעגן די "סוחרים", אָבער פילע דרייען זיך פאָרט אַרויס, ווייל זיי פירן אָן זייער האַנדל "אונטערן טיש".

עס זעט זיך ניט קיין האָפענונג, אַז די געוועזענע "אידישע שטעט" אין פּוילן וועלן ווען עס איז אַמאָל צוריק ווערן דאָס וואָס זיי זיינען געווען פאַר דער מלחמה. די געראַטעוועט אידן פון די דאָזיקע שטעט זיינען אַנטשלאָסן אינגאַנצן אַרויסצופאָרן פון פּוילן.

ווי עס האָט מיר געזאָגט אַ קאַלושינער איד אין לאָדזש: "קאַלושין איז איצט אין אַמעריקע — דאָרט וואו עס געפינען זיך די גרעסטע צאָל קאַלושינער אידן . . ."

ניו־יאָרק, 20טען יולי, 1946.

## פערטער טייל

# אַלגעמיינע בילדער

## אידישע יתומים

מען דאַרף ניט גיין זוכן אין אייראָפּע די טראַגעדיע פון פוילישן אידנטום, דאָס זעט זיך דאָרט אָן אויף שריט און טריט, ניט נאָר אין פוילן גופא זעט איר דאָס, נאָר אין אַלע אַנדערע לענדער אין אייראָפּע. איבעראַל טרעפט איר אָן אונזערע "איינציקע איבערגעבליבענע" פון גאַנצע אידישע משפחות, און פון זיי דערוואוסט איר זיך באַלד וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן די פוילישע אידן.

אָבער מער פון איבעראַל קאָנט איר זען און הערן וועגן אונזער חורבן און אומגליק, ווען איר קומט פנים אל פנים מיט די אידישע קינדער, מיט די אומשולדיקע, געבליבענע יתומים, וואָס איר באַגעגנט אין די אידישע קינדער־היימען אין פוילן און אין פראַנקרייך.

אין פּאַריז און אַרום פּאַריז געפינען זיך אַ צאָל אידישע קינדער־היימען וואָס זיינען דאָרט איינגעשטעלט געוואָרן דורך די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריז, מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס, גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון די נאַציס. די מערסטע קינדער־היימען אין פראַנקרייך האָבן אַ פּאָליטישן פּנים. עס זיינען דאָ ציוניסטישע היימען, פּועלי־ציון היימען, בונדיסטישע היימען, קאָמוניסטישע היימען, און אויך אַ צאָל גאַנץ אומפּאַרטייאישע קינדער־היימען, וואָס שטייען אונטער דער אויפזיכט פון "קינדער־קאָלאָניעס", אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט נאָך פאַר דער מלחמה פאַרוואַלטעט מיט אידישע קינדער היימען און קינדער־קאָלאָניעס פאַר קינדער וואַקאַציעס.

אין אַלע "פּאַרטייאישע" קינדער־היימען ווערט די דערציאונג פון די קינדער אָנגעפירט שטרענג פּאַרטייאיש. דאָס קאָנט איר זען גלייך ביים אַריינקומען אין די היימען. די אויפשריפטן אויף די ווענט, די לערן־ביכער פאַר די קינדער, אַלץ אָטעמט מיטן גייסט פון דער פּאַרטיי וואָס האַלט אויס די קינדער היים.

**פאַר די אידן אין פּאַריז קומט גאָר פיל לויב פאַר זייער ערנסטער** באַציהונג צו די קינדער־היימען. דאָס מיינט זייער פיל פאַר די אָרימע קינדערלעך וועלכע זיינען געבליבן אָן עלטערן. פילע זיינע אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון קלויסטערס און קריסטלעכע היימען. אין אַלע היימען אין פראַנקרייך, ווערן די קינדער פיין באַזאָרגט, ניט קוקנדיק אויף די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן.

## יאַנקעלע

אין איינע פון די קינדער־היימען אין אַנדריזע, נעבן פּאַריז, האָב איך געטראָפן אַ אידיש אינגעלע, וועלכער איז ערשט מיט עטלעכע וואָכן פריער געקומען אַהין פון וואַרשע. דאָס איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער אינגל, מיט שוואַרצע האָר, שוואַרצע לעבעדיקע אויגן, וואָס האָבן ניט גערוט אַ מינוט. **ער איז בלויז 11 יאָר אַלט, רעדט ווי אַ צוואַנציק־יאָריקער בחור, אָבער זעט אויס ווי ער וואָלט בלויז זעקס יאָר אַלט געווען, און ער האָט שוין** מיטגעמאַכט פיל מער ווי איינער פון פופציק יאָר.

דער נאָמען פון דעם אינגל איז יאַנקעל יעזבעטע, אָבער אָנגעקומען אין דער קינדער היים איז ער אויף זיין פוילישן נאָמען, יאַניש וואָדיסלאַווסקי, אַזוי האָט ער זיך גערופן ביי דעם פּאָלאַק, וואָס האָט געקראָגן פון זיין טאַטן פיל געלט, קליידער און צירונג, כדי ער זאָל ראַטעווען יאַנקלען. דער פּאָלאַק האָט טאַקע אים אויסבאַהאַלטן דריי יאָר.

יאנקעלעס עלטערן האָבן געוואוינט אין ווארשע אויף דער שעינע 27, דער טאטע איז געווען א קריזשנער, עס איז זיי גוט געווען פאר דער מלחמה. ער איז געווען אן איינציק קינד ביי זיינע עלטערן. ביז דעם יאָר 1942 האָבן יאנקעלס עלטערן אויסבאהאלטן זיך פון די נאציס, נאָך דעם אויפשטאנד אין דער ווארשעווער געטאָ, האָבן די עלטערן זיינע געוואוסט, אז לאנג אויסבאהאלטן זיך וועלן זיי שוין ניט קאָנען, זיי האָבן יאנקלען אריינגעגעבן צו איינעם פון די שכנים אויף זייער הויף, אז יענער, דער פּאָלאַק, זאָל אים האלטן אלס זיין קינד. פאר דעם האָבן זיי אוועקגעגעבן כמעט אלץ וואָס זיי האָבן נאָך דאן פארמאָגט.

יאנקעל דערציילט, מיט אלע איינצלהייטן, ווי אזוי ער האָט פון א פענצטער געזען ווי די געסטאפּאָ־לייט האָבן ארויסגעפירט זיין טאטן און זיין מאַמע. זיינע שווארצע ברענענדיקע אויגן ווערן פול מיט טרערן ווען ער גיט איבער ווי אזוי די געסטאפּאָ־לייט האָבן מיט זייערע פויסטן געשלאָגן זיין מאמע איבערן פּנים, ווען זיי האָבן איר און דעם טאטן געהאלטן אריבער א שטונדע צייט אין דער הויף, ביז עס איז אָנגעקומען דער וואָגן וואָס האָט זיי און א צאָל אנדערע אידן אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. מער האָט ער זיי שוין ניט געזען . . .

איך פרעג יאנקעלן, פון וואנען ווייסטו אז מען האָט זיי גענומען קיין טרעבלינקע, און ער ענטפערט מיר, אז איינער פון די קריסטן וועלכע האָבן געוואוינט אויף יענעם הויף, האָט געפירט דעם וואָגן וואָס האָט געפירט די אידן צו דעם בארימטן "אומשלאגס־פּלאץ", אויף דער סטאווקע גאס. יענער האָט שפּעטער דערציילט, אז מאַשעק און די מאַשקעבאַווע, אזוי האָט מען גערופן יאנקעלס עלטערן, זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

איך פרעג ווידער יאנקלען פון וואנען איז ער זיכער אז זיינע טאטע־מאמע לעבן ניט מער, און ער ענטפערט מיר מיט א טאָן פון זיכערקייט און מיט פעסטקייט.

— "פון טרעבלינקע איז קיינער ניט צוריקגעקומען . . . אידן האָבן זיך געראַטעוועט פון אלע לאגערן, אבער ניט פון טרעבלינקע, דאָרט אז איינער איז אריין איז ער מער ניט ארויס . . . און אחוץ דעם — זאָגט ער מיט א פארשטיקטע שטימע — איך האָט ניט געקאָנט מיין טאטע־מאמע, ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלטן זיי שוין מיך אויסגעפונען . . .

ער דרייט זיך אוים און ווישט מיט א טיכל זיינע אויגן. איך טשעפּע אים ניט א ווייל . . . ער בארוהיקט זיך באלד און דערציילט אז נאָך דעם אויפשטאנד פון גענעראל באָר, האָט דער פּאָלאַק אים ארויסגעוואָרפן אין גאס. ער האָט באלד געוואוסט די געפאר, אז די נאציס וועלן אים געפינען. ער איז געווען באהאלטן אין די חורבות, פיר טעג שפּעטער איז ער מיט א גרופּע פּוילישע אינגלעך אריבער קיין פּראגע. דאָרט האָט ער זיך באהאלטן אין א קלויסטער עטלעכע טעג. ער האָט דאָרט אלץ גע'טענה'ט אז ער איז א פּויליש אינגל, ווייל ער האָט מורא געהאט פאר די פּאָלאַקן.

יאנקעל האָט ווי א גרויסער מענטש דערציילט מיט פילע איינצלהייטן וועגן אלץ וואָס עס איז פארגעקומען אין ווארשע, וועגן דעם געטאָ אויפ־שטאנד, וועגן דעם פּוילישן אויפשטאנד, און ווי אזוי דאָס לעבן איז צוגע־גאנגען אין יענע צייטן. ער האָט גערעדט מיט ביטערקייט וועגן דער פּוילישער פּאָליציי אין ווארשע און אויך וועגן די אידישע מיליציאנטן. ער זאָגט, אז זיי זיינען געווען צו אידן ניט בעסער ווי עס זיינען געווען די נאצישע געסטאפּאָ־לייט . . .

ער האָט אויך דערציילט, אז איידער ער איז אוועק פון ווארשע, האָט ער געהאט אויסצושטיין גרויסע צרות פון די פּוילישע אנטיסעמיטן. ער האָט זיך דאן שוין געגרייט ארויסצופאָרן קיין פּאריז, וואוהין דער אידישער קאָמיטעט האָט ארויסגעשיקט א צאָל אידישע קינדער. ער האָט דאן געדענקט אז ער מעג שוין זאָגן דאָס ער איז א איד . . . אבער די פּוילישע אינגלעך אין פּראגע און אויך דערוואקסענע פּאָלאַקן האָבן אים פארפאָלגט אויף שריט

און טריט, און איינמאָל האָט מען אים אפילו נאָכגעוואָרפן אַ מעסער. ער האָט מיר געוויזן דעם שניט־צייכן אויף זיין לינקן פוס, וואָס ער האָט געקראָגן פון דעם מעסער.

יאַנקעל זאָגט אַז ער וועט ניט בלייבן אין פאַריז. ער קלייבט זיך פאָרן קיין בראַזיל, דאָרט האָט ער אַ מומע, זיין מאַמעס אַ שוועסטער. ווידער באַווייזן זיך טרערן אין זיינע אויגן און ער זאָגט:

— "מיין מומע דאָרט זעט אויס פונקט ווי מיין מאַמע" . . . איך וויל זיין ביי איר, דאָרט וועל איך שטענדיק זען מיין מאַמע . . .

# שוועסטערלעך

אין דעם דוד ראַפּאָפּאָרט היים פון דעם "אידישן ארבעטער קאָמיטעט", באַגעגן איך צוויי שוועסטערלעך, גאָלדעלע און פייגעלע זילבערשטיין. ביידע זיינען געווען אין אָשוויץ. דער טאַטע איז דאָרט אומגעקומען, זייער מאַמע איז קראַנק, געפינט זיך אין פאַריז. זיי רעדן גאָר אַ פיינעם אידיש. גאָלדעלע טראָגט אויגן־גלעזער, זי ליגט אין בעט, זי איז נאָר וואָס ארויס פון האָס־פּיטאָל. זי האָט געהאַט אַן אַפּענדיק־אָפּעראַציע. זי איז נאָך אָפּגעשוואַכט, זי זאָגט אַז עס איז אַ גליק דאָס זי האָט איצט באַדאַרפט האָבן די אָפּעראַציע, ווייל ווען דאָס וואָלט געווען מיט אַ יאָר צוריק, ווען זי איז נאָך געווען ביי די דייטשן, וואָלטן זיי מיט איר "קיין גרויסן צימעס ניט געמאַכט" . . .

גאָלדעלע איז 9 יאָר אַלט, איר שוועסטער פייגעלע איז בלויז זיבן יאָר. גאָלדעלע איז ווי אַ מאַמע צו איר אינגערער שוועסטער. זי פּאַסט אויף אויף די קליינע, אַפילו איצט, ווען זי איז נאָך קראַנק. פייגעלע פאָלגט איר און קוקט אויף איר מיט רעספּעקט.

נעבן זיי זעען מיר נאָך צוויי שוועסטער, עלזאַ און סעלינקע זילבערבערג. עלזאַ איז 13 יאָר, סעלינקע איז 8 יאָר. אויך זייער טאַטע איז אומגעקומען אין אַ נאַצישן לאַגער. זייער מאַמע איז אין אַ סאַנאַטאָריום. ביידע זיינען זיי העל־בלאָנד, מיט ליכטיקע בלויע אויגן. זייער טאַטע האָט געהייסן שמעון זילבערבערג פון וואַרשע. די מאַמעס מיידעלשער נאָמען איז געווען חנה ווערטאַגס. זי האָט דאָ אין ניו יאָרק אַ קאָזינע מיטן נאָמען ראָזע. דאָס איז אַלץ וואָס די צוויי שוועסטער ווייסן וועגן זייער פאַמיליע אין אַמעריקע.

דער טאַטע זייערער איז געווען אַן עלעקטריק־אינזשעניר. צווישן זייערע בעטלעך שטייט אַ קליין טישל, דאָרט געפינט זיך שטענדיק דאָס בילד פון זייער טאַטן. זיי קוקן מיט שטאָלץ אויף דעם שיינעם בילד פון זייער פאָטער. זיי ווייזן מיר די בילד, איך קוק אויפן בילד און כאַפּ אַ זייטיקן בליק אויף די מיידעלעך. איך וויל זען דעם אויסדרוק אויף זייערע פּנימער. זיי קוקן אָבער שאַרף אויף מיר. זיי ווילן זען וואָס איך דענק וועגן זייער טאַטן. זיי זיינען, ווייזט אויס, זיכער, אַז איך וועל זאָגן אַ "שיינער טאַטע". איך פיל טאַקע אַזוי צו זאָגן, אָבער באַלד דערהערט זיך דאָס וויינען און העשען פון אַ מיידעלע וואָס ליגט אין אַ בעטל האַרט נעבן די צוויי שוועסטער. איר נאָמען איז לוסי גאָלדבערג, זי איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון די לאַגערן. זי שטאַמט פון לאָדזש און טשענסטאָכאָוו. זי איז געבליבן איינע אַליין אויף דער וועלט, האָט ניט קיין טאַטע־מאַמע און קיין פאַמיליע. זי וויינט איצט הויך און ווישט אירע אויגן מיט אַ טיכל וואָס האָט אַרום שוואַרצע ראַמען.

איך האָב ניט קיין מוט צו פרעגן איר פאַרוואָס זי האָט זיך פּלוצים אַזוי צעוויינט. אָבער גאָלדעלע פרעגט איר מיט ווייכקייט אין איר שטימע און מיט אַ גלעט איבער לוסיס קאָפּ. לוסי באַרוהיקט זיך אַביסל, האַלט דאָס טיכל ביי אירע אויגן און זאָגט שטיל:

— "דיר איז גוט, דו האָסט אַ בילד פון דיין טאַטעשי, איך האָב דאָס אויך ניט" . . .

לוסי האָט אַלץ געוויינט. גאָלדעלע האָט גלייך גענומען איר טאַטנס בילד און אַריינגעלייגט דאָס אין שופלאָד פון טישל . . . איך בין זיכער אַז פון

יענעם מאָמענט אָן, האָבן די שוועסטערלעך געקוקט אויף זייער טאַטנס בילד נאָר ווען לוסי איז דערביי ניט געווען . . .

איך האָב אויך דאָרט געזען אַ מיידעלע, פּעני דראַזאָוויטש, קומט פון וואַרשע, טאַטע־מאַמע זייַנען אומגעקומען אין די גאַז קאַמערן. זי איז געווען ביי קריסטן אויסבאַהאַלטן. זי האָט אַ שיין זיס פּנים מיט שיינע שוואַרצע אויגן און אַ חנ׳עוודיקן שמייכל. רעדט אַ פיינעם זאַפטיקן אידיש. זי האָט מיר דערציילט אַז זי קריגט צוגעשיקט מתנות און פּעקלעך שפּייז פון אַן אומבאַקאַנטע אידישע פרוי אין דער בראָנקס, מרס. לואיס קאַסאַר, פון פּעלהעם פּאַרקוויי נאָרד. יענע פרוי שרייבט צו איר שיינע בריוו און פּעני שרייבט איר צוריק.

איך האָב געפרעגט פּעני דראַזאָוויטש צי זי וואָלט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. אירע אויגן האָבן גענומען בליצן מיט פייער, דאַן האָט זי גענומען קוקן פאַרטראַכט אין דעם אָפענעם פענצטער און שטיל געשעפּטשעט:

— "איך האָב שטענדיק גע׳חלומ׳ט פון זיין אין אַמעריקע" . . .

געזאָגט האָט זי דאָס ווי אַ גרויסער מענטש, וועלכער ווייסט שוין פיל וועגן אַמעריקע, אָדער איז שוין דאָ פריער געווען. פּעני איז בלויז 11 יאָר אַלט . . .

אין דער דוד ראַפּאַפּאָרט קינדער־היים זייַנען אויך דאָ אַ צאָל מיידלעך אין די יאָרן פון 15 ביז 20. זיי אַרבעטן עטלעכע שטונדן אַ טאָג און דערבייאיקע געשעפטן, אָדער מען לערנט זיי פאַכן. זיי עסן און שלאָפן אין די היימען. מען האַלט זיי אַוועק פון שטאָט, כדי זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין שלעכטע הענט און אַרונטער פון גלייכן וועג.

צווישן די מיידלעך זייַנען דאָ פילע וואָס האָבן אויסגעברענטע נומערן אויף זייערע יונגע שיינע הענט. איינע פון זיי, סוזאַן סוסי, האָט אויסגעברענט אויף איר האַנט דער נומער **A1680FA**. זי איז געווען דעפּאָרטירט מיט איר פאַמיליע, אַכט מענטשן, אַלע זייַנען אומגעקומען אחוץ זי און איר ברודער פון 15 יאָר, וואָס געפינט זיך אין אַן אַנדער קינדער־היים. סוזאַן איז 19 יאָר אַלט, זי האָט דריי יאָר געאַרבעט פאַר די דייטשן אין אַ געווער־פאַבריק.

איך האָב דאָרט אויך געטראָפן אַ מיידל וואָס פאַרנעמט די שטעלע פון אַ נוירס אין דער היים. איר נאָמען איז העלען וואָלט, זי איז 24 יאָר אַלט, זי איז אַ טאָכטער פון אַ באַרימטן אידישן וויינהענדלער אין וואַרשע, א. וואָלט, אויף דער נאַלעווקעס 41. אַלע אין וואַרשע האָבן געוואוסט פון וואָלטס וויין־געשעפט. זי איז דאָרט אַליין, די עלטערן האָט מען צוגענומען אין וואַרשע, בלויז פון איין ברודער וואָס געפינט זיך אין לובלין, האָט זי געהערט. איר האָפענונג איז צו קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע.

איר קוקט זיך צו ווי אַזוי עס לעבן די קינדער אין די היימען, איר טראַכט ווי גרעסער עס וואָלט נאָך געווען אונזער טראַגעדיע ווען ניט אָט די פיינע קינדער־היימען וואָס מאַכן פאַרגעסן די יתומים זייערע אומגליקן און צרות וואָס זיי האָבן שוין מיטגעמאַכט אין זייערע יונגע יאָרן.

די מערסטע קינדער, ווען זיי קומען אַריין אין די היימען, קאָנען ניט רעדן קיין אידיש, אָבער עס גייט אַוועק אַ שטיקל צייט, רעדן זיי און שרייבן גאָר פיין אויף דער אידישער שפּראַך. זיי האָבן זייער אייגענע "וואַנט־צייטונג" וואו זיי שרייבן אויס די נייעס פון טאָג און אויך לידער. עס איז דאָ גענוג שפּילצייג פאַר די קלענערע קינדער און די גרעסערע גיבן זיך אָפּ מיט נייען און שטריקן פאַר די מיידלעך און שניצערייַ פאַר די אינגלעך.

די פאַרוואַלטונג פון די קינדער־היימען אין פראַנקרייך, איז אין אַלגעמיין, גאָר אַ גוטע. די קינדער ווערן פיין באַהאַנדלט פון די לערער און אויפזעער, זיי זייַנען פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיט אַרבעט, שפּילן זיך און עסן. זיי פאַרגעסן זייערע פאַרגאַנגענע צרות, און נאָר ווען עס קומט אימיצער, אָדער ווען זיי אַליין פאַרבענקען זיך נאָך זייערע אומגעקומענע עלטערן, און זיי פאַנגען אָן צו רעדן וועגן זייערע יאָרן פון אומגליק און שמערץ, דאַן שווימען

ארויף יעדנס איינעם באזונדערער אומגליק, יעדעס באזונדערע טראגעדיע, וואס איז די גרויסע אידישע טראגעדיע און אומגליק פון דעם פוילישן אידנטום.

# נאך צווי שוועסטער

אין דער קאלאניע "קינדער־היים", לעבן פאריז, האב איך זיי באגעגנט, פערעלען און רחלען — צווי שוועסטערלעך, יתומות, וואס זיינען געבראכט געווארן פון פוילן. זייער טאטע־מאמע און אויך זייערע צווי עלטערע ברידער און א פארהייראטע שוועסטער זיינען אלע אומגעבראכט געווארן אין טרעבלינקע.

פערעלע און רחלע זיינען געראטעוועט געווארן, ווייל זייערע עלטערן האבן אלץ אוועקגעגעבן, זייער גאנץ פארמעגן, צו א קריסטלעכער פאמיליע, אין א פוילישן דארף, כדי צו ראטעווען זייער לעבן. דריי יאר זיינען די קינדער געווען אין דארף. נאך דער באפרייאונג פון פוילן האט די פויערטע די קינדער געבראכט קיין ווארשע צום אידישן קאמיטעט; פון דארט זיינען די שוועסטערלעך געשיקט געווארן קיין פראנקרייך אין א אידישער קינדער־היים.

פערעלע, א שלאנקע צען־יאריקע בלאנע מיידעלע מיט טונקעלע אויגן, האט אויסגעזען פיל עלטער פון איר אכט־יאריקער שוועסטער רחלע, וועלכע האט געהאט, פונקט ווי איר עלטערע שוועסטער, בלאנדע האר אבער העל־בלויע אויגן. פערעלע האט אויסגעזען ווי א פופצן־יאריקע מיידעלע. איר רעדן און איר באנעמען זיך צו איר אינגערער שוועסטער איז געווען ניט ווי פון א צען־יאריק קינד — פערעלע איז געווען א מאמע צו רחלען. דאגעגן, רחלע איז געווען אין אויסזען און אין האלטונג פיל אינגער ווי אירע אכט יאר.

צווישן די צווי בעטלעך, וואו פערעלע און רחלע זיינען געשלאפן, איז א קליין טישעלע געווען. דארט איז, אין א ראמל, געשטאנען א בילד פון א מאן מיט א פרוי. מען האט ניט באדארפט פרעגן די קינדער, צי דאס זיינען זייערע טאטע־מאמע. איין בליק אויפן בילד און א בליק אויף די צווי שוועסטערלעך האט פעסטגעשטעלט, אז דאס זיינען זייערע עלטערן.

פערעלע האט געכאפט מיין בליק אויף דעם בילד. זי האט א נעם געטאן דאס בילד מיט גרויס פארזיכטיקייט, דערלאנגט מיר אין האנט און געזאגט: "דאס איז אונזער מאמעשי און טאטעשי".

א טרער האט זיך באוויזן אין אירע אויגן. זי האט די טרער אפגעווישט. זי האט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן, געווארט וואס איך וועל זאגן.

"שיינע מענטשן, איידעלע מענטשן", האב איך געזאגט אין א שטילן טאן.

"יא, אזוי זאגן אלע. און אזוי זיינען זיי געווען. שיינע מענטשן, איידעלע מענטשן. אזוי זיינען אויך געווען אונזערע ברידער און מיין שוועסטער ביילע. שיינע מענטשן, איידעלע מענטשן. פארוואס האט מען זיי דער'הרג'עט? ..."

פערעלע האט זיך יאמערלעך צעוויינט. זי האט זיך אוועקגעלייגט אויפן בעטל, איינגעגראבן דעם קאפ אין קישן און געהעשעט אן אויפהער. רחלע איז געשטאנען געבן איר, געגלעט אירע האר און פרובירט איר בארוהיקן. רחלע האט ניט געוויינט. זי האט געקוקט צו מיר מיט געבעט, אפשר קאן איך בארוהיקן איר שוועסטער.

איך האב ניט געוואוסט וואס צו טאן. איך האב ניט געהאט קיין פאסיקע ווערטער אויף צו בארוהיקן פערעלען, אדער ענטפערן איר פראגע, "פארוואס האט מען זיי דער'הרג'עט?"

איך האב צוגעלייגט מיין האנט צו פערעלעס קאפ, א גלעט געטאן איר שיינע בלאנדע האר. פערעלע האט זיך א כאפ געטאן, אויפגעזעצט זיך אויפן בעטל, מיט א טיכל אויסגעווישט אירע אויגן, אנטשולדיקט זיך פאר מיר,

מעשה פריילין, א גלעט געטאָן רחלען איבערן קעפּל און געזאָגט:

"קום, רחלע, מיר וועלן אַראָפּגיין אין גאָרטן זיך שפּילן; געזעגן זיך מיטן הער.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט מיר און זיינען אַוועק שפּילן זיך אין גאָרטן מיט די אַנדערע קינדער.

ביז היינט שטייט מיר נאָך דאָס בילד פון די צוויי שוועסטערלעך און פון זייער טאַטע־מאַמע פאַר מיינע אויגן . . .

# קורצע שילדערונגען און באַאָבאַכטונגען

## קליינינקייטן וואָס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן

עס איז ניט געווען א נייע זאַך פאַר מיר צו פאָרן מיט אַן עראָפּלאַן. אָבער א רייזע איבערן ים, פון נוי־יאָרק קיין פּאַריז, אַריבער דריי טויזנט מייל, און דערצו נאָך אַריבערצופליען דעם אַטלאַנטישן ים, איז פאַר מיר יאָ געווען א נייע זאַך, ממש אַן "אַדווענטשור".

פאָרן פאָרן האָב איך זיך געמאַכט האַרץ. געזאָגט יעדן פון מיינע פריינט, אַז "עס איז גאָרניט", עס מיינט גאָרניט, איך האָב זיך אַפילו געוויצלט, וועגן מיין צוקונפטיקער לופט־רייזע. אָבער אין אמת'ן האָב איך זיך אַביסעלע געשראָקן. איך האַלט אָבער ניט פון חרטה האָבן, האָב איך זיך געהאַלטן ביים באַשלוס צו פליען.

אונזער עראָפּלאַן, א "קאָנסטעלעישאָן" שיף, האָט באַדאַרפט אָפּפליען פון לאַגוואַרדיא פעלד צען אַזייגער אין דער פרי. עס איז אָבער יענעם פרי־מאָרגן געווען אַן אויסערגעוויינלעך שלעכטער וועטער. עס האָט געגאָסן א שלאַקס־רעגן. שוין יאָרן, אַז איך האָב אַזא רעגן ניט געזען. קומענדיק אויפן פעלד, האָט מען אונז גלייך געלאָזט וויסן, אַז דער עראָפּלאַן וועט ניט אָפּפליען פון לאַגוואַרדיא פעלד, נאָר פון נוארק, און אַלע פּאַסאַזשירן וועלן מוזן פאָרן מיט א באַס קיין נוארק. דאָרט וועט זיך געפינען אונזער לופט־שיף. דאָס איז געווען שלעכטע נייעס פאַר מיר. אָבער איך האָב זיך אַלץ געמאַכט האַרץ.

דער שלעכטער וועטער האָט אָנגעהאַלטן, עס האָט געגאָסן א מבול, און אַפילו אין נוארק האָט מען אונז געמאַכט צו וואַרטן שטונדן לאַנג. ענדלעך, אַרום דריי אַזייגער, האָט מען אונז געהייסן גיין פאַרנעמען אונזערע ערטער אין דער ריזיקער שיף. אַביסל שפּעטער האָט דער עראָפּלאַן זיך א ריר געטאָן פון אָרט, צוגעשלעפּט זיך צום אָרט, וואו דער פּילאָט קריגט דעם סיגנאַל פון דעם ייכט־טורעם, אַז ער קאָן זיך אויפהויבן. עס דויערט געוויינלעך עטלעכע מינוט ביז ס'קומט דער סיגנאַל. אָבער דאָס מאָל זיינען מיר געשטאַנען אויף אַן אָרט א קנאַפּע האַלבע שטונדע. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן באַלד דאַרפן אַרויסגיין פון עראָפּלאַן און אָפּלייגן דאָס פאָרן. אָבער באַלד האָט די שיף א ריר געטאָן זיך פון אָרט און גראַציעז זיך א הויב געטאָן אין דער לופט. דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער. מיר האָבן פון די פענצטער גאָרניט געקאָנט זען בלויז נעבל און וואַסער.

מיר זיינען געווען 48 פּאַסאַזשירן. אַלע האָבן געשוויגן. ווייזט־אויס, אַז פּונקט ווי איך האָבן זיי געטראַכט, "אפשר וואָלט בעסער געווען ווען מיר וואַרטן צו מיטן פאָרן". אָבער די שיף איז שוין געווען הויך אין דער לופט און אַלץ וואָס מיר האָבן געזען איז געווען רעגן.

דער קאַפּיטאַן פון עראָפּלאַן האָט זיך געשטעלט אין פראָנט פון עראָ־פּלאַן און אָנאָנסירט מיט א שמייכל זיין נאָמען, דעם נאָמען פון פּאַילאָט און קאָ־פּאַילאָט און פון די חנ'עוודיקע האָסטעס. דאַן האָט ער אונז געזאָגט, אַז א שטונדע מיט פערציק מינוט וועלן מיר פאָרן אין רעגן און שלעכטן וועטער, דאַן וועלן מיר האָבן שיינעם וועטער דעם גאַנצן וועג.

מיר האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט נאָך זיין רעדן. מיר זיינען געוואָרן רעדעוודיק און פריילעך, גענומען באַקאָנען זיך איינער מיטן אַנדערן, באַלד האָט מען גענומען סערווירן א פיינעם הייסן מיטיק. אַלע האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט. דעם קאַפּיטאַנ'ס רייד האָבן אונז געשטאַרקט.

פונקט דאַן, אַ שטונדע מיט פערציק מינוט, צו דער סעקונדע, האָבן מיר דערזען ליכטיקייט. די זון האָט געשיינט, מיר זיינען געפלויגן איבער די וואָלקנס. עס האָט אויסגעזען גלייך ווי מיר פליען איבער ריזיקע שניי־בערג.

מיר זיינען געפלויגן איבער ניו בראַנזוויק, קענעדע. מיר האָבן געזען פּראַכטפולע לאַנקעס, שיינע אויסגעלייגטע וועגן, וועלדער און טייכן. מיר זיינען געפלויגן אַרום צוועלף טויזנט פוס הויך, דאָך האָבן מיר אַלץ געקאָנט זען קלאָר. עס איז געווען אַ אויסערגעוויינלעך ליכטיק און קלאָר. אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע.

אונזער האָסטעס — אַ בלאָנד־שיינע מיידל מיט טיפע חן־גריבעלעך אין די באַקן — דערלאַנגט די פּאַסאַזשירן פאַרשידענע זשורנאַלן, ביכלעך, אַלץ פון לייכטן לעזע־שטאָף. מאַנכע לייענען, אַנדערע קוקן דורך די קיילעכדיקע פענצטער אין דעם שיינעם בלויען הימל, עטלעכע זיצן און שפּילן פּינאָקל. פון דער אַנדער זייט, וואו איך זיץ, זע איך אַ פּאָרל, מאַן און ווייב. ער זעט־אויס צו זיין אַרום 75 יאָר אַלט, זי אַביסל אינגער. ער פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך. איך געפין אויס, אַז ער פאָרט קיין צוריך, שווייץ. ער קומט פון דאָרט. ער איז אַ גרויסער פאַבריקאַנט פון זייגערס. זיין פעקטאָרי איז אין דער שווייץ. פינף יאָר איז ער געווען אין אַמעריקע, איצט פאָרט ער צוריק צו זיינע קינדער. ניט קוקנדיק אויף זיין עלטער איז ער שוין פיל מאָל געפאָרן מיט עראָפּלאַנען. ער מאַכט זיך באַקוועם, טוט אויס זיינע שיך, טוט אָן לייכטע שטעק־שיך און דערציילט פיינע וויצן. איך גיב אים צוריק "צוויי צו איינס", פון וועלכע ער האָט שטאַרק הנאה.

מיר דערנעענטערן זיך צום ברעג פון ניו פאַונדלענד. מיר זעען בערג און טאָלן און פיל שניי. עס איז אַ פוסטער געגנט. באַלד באַווייזן זיך הייזער, וועגן, פאַרמס. אונזער לופט־שיף לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער צו דער ערד. דער ריז שניידט דורך די וואָלקנס און גיט אַ צאַפּל יעדן מאָל ווען ער קומט אין באַרירונג מיט אַ וואָלקן. מיר לאַנדן אין גאַנדער, ניו פאַונדלענד, סאַמע פאַרנאַכט, פּונקט אין צייט צו עסן דינער.

דער רעסטאָראַן איז ניט פון די שענסטע, אָבער דאָס עסן איז גוט און געשמאַק. אַלע עסן מיט אַפּעטיט. מיט אַ שטונדע שפּעטער גרייטן מיר זיך שוין איבערצופליען דעם אַטלאַנטיק.

פליען איבערן אַטלאַנטיק בייטאָג איז גאָר אינטערעסאַנט און שיין, אָבער נאָך אינטערעסאַנטער איז דאָס פליען ביינאַכט. מיר זיינען געפלויגן 23 טויזנט פוס הויך. די גאַנצע מאַנשאַפט איז געווען מיט אונז. קיינער פון זיי איז ניט געווען ביי די "קאָנטראָלס". דער ריז פליט אויטאָמאַטיש פאַר גאַנצע שטונדן. אַלץ איז אָנגעוויזן אויף די פאַרשידענע זייגערס און מיטערס. ניטאָ קיין הייזער און בערג איפן וועג . . . צום ערשט איז דאָס געווען אַביסל פּריקרע פאַר מאַנכע פון אונז. אָבער דער פּאַילאָט האָט דערקלערט, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך.

איר קוקט אַרויס אין דער פינצטערנעש פון דער נאַכט און זעט, אַז איר געפינט זיך אַזוי נאָענט צו די שטערן, אַז איר קאָנט זיי פּשוט אָנכאַפּן מיט דער האַנט . . . די מערסטע אין דער לופט־שיף שלאָפן שוין אויף די גאַנץ באַקוועמע געלעגערס, צוגעדעקט מיט פיינע קאָלדרעס. איך טו באַלד דאָסזעלבע און לעג זיך שלאָפן.

עס איז מיר אויסגעקומען פילע מאָל צו פאָרן מיט "פּולמאַנס" אויף די אַמעריקאַנער באַנען. אַלע מאָל האָב איך געהאַט שלאָפלאָזע נעכט. דאָס וואַרפן און טרייסלען זיך פון דער באַן לאָזט מיך ניט שלאָפן. דאָ אויף דעם עראָפּלאַן בין איך געשלאָפן גאָר געשמאַק גאַנצע פיר שטונדן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז געווען טאָג. אויבן איז געווען אַ העל־ווייסע ליכטיקייט, אונטן זיינען געווען ווייסע וואָלקנס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע אייז־בערג. עס איז געווען אַ הערלעך, אומפאַרגעסלעך בילד.

ווען מיר האָבן געזען פון ווייטנס דעם איירישן ברעג, האָבן אַלע גענומען זיך אַרומוואַשן און אויספּוצן, גרייטן זיך צו באַטרעטן דעם אייראָפּעאישן באָדן. איך האָב געהאַט אַ מאָדנעם געפיל: געווען צופרידן וואָס איך בין

שוין אריבער דעם ים, שוין אין איירָאפּע, און אין דערזעלבער צייט האָב איך זיך געטראַכט: "אזוי ווייט שוין פון אַמעריקע" . . .

דאָס גאַנצע פליען קיין פּאַריז איז געווען פיין און אַנגענעם, נאָך בעסער איז געווען דאָס פליען צוריק פון פּאַריז קיין ניו־יאָרק. דאַן האָבן מיר בוכשטעבלעך ניט געוואוסט, אַז מיר פליען . . . ס'זיינען ניט געווען קיין "עיר־פּאַקעטס", קיין "וואָלקן־אַנקלאַפּן", קיין טרייסלען, גלייך ווי מיר וואָלטן דורך עפּעס אַ כישוף איבערגעטראָגן געוואָרן פון פּאַריז קיין ניו־יאָרק אין זעכצן שטונדן . . .

אין אַלגעמיין זיינען די ריזיקע אַמעריקאַנער פיר־מאָטאָרדיקע עראָ־פּלאַנען וואונדערבאַר. דאָס פליען איז גוט, די באַדינונג איז גאָר פיין, און דאָס עסן אויסערגעוויינלעך גוט. עס איז גאָר אַנדערש געווען ווען איך בין געפלויגן מיט עראָפּלאַנען פון פּוילן. און אַפילו די פראַנצויזישע עראָפּלאַנען זיינען נאָך גאַנץ ווייט צו פאַרגלייכן זיך מיט די אַמעריקאַנער. די שוועדישע עראָפּלאַנען זיינען כמעט אזוי גוט ווי אונזערע, אָבער ניט אזוי גרויס. די "סוירוויס" איז אָבער ערשטע קלאַס.

איך בין עטלעכע מאָל געפלויגן מיט פּוילישע עראָפּלאַנען, און יעדעס מאָל האָב איך געוואָלט גומל בענטשן נאָך דער יאַזדע . . . אחוץ דעם איז אַלץ דאָרט אַלט, אָפּגעריסן און שמוציק. און די "סוירוויס"? — נישטאָ אזא זאַך דאָרטן . . . מען נעמט גוטע געלט פאַר גאָרניט. עס איז אָבער אַלץ בעסער ווי צו פאָרן מיט די פּוילישע באַנען, ספּעציעל פאַר אַ אידן . . .

פון פּאַריז קיין וואַרשע בין איך געפלויגן מיט אַ פּוילישן "דיפּלאָ־מאַטישן" עראָפּלאַן. דער נאָמען פון דעם צוויי־מאָטאָרדיקן פויגל איז געווען "עלאַ", מיר האָבן אים גערופן "עלע. עס האָט גענומען די פיר מענטשן, וואָס שטעלן צונויף די "מאַנשאַפט" פון "עלאַ'ן" גוטע דריי שטונדן ביז די מאָטאָרס האָבן געוואָלט אַרבעטן. דערווייל זיינען די "דיפּלאָמאַטן" און איך געשטאַנען אויף דעם ווינטיקן פעלד פון פּאַריז "לאַ ברזשעט" און געוואַרט. און אַז מיר זיינען שוין יאָ געפאָרן, איז וואו נאָר אַ וואָלקן, וואו נאָר אַן "עיר־פּאַקעט", האָט "עלע" זיך אָן זיי אָנגעשטויסן . . . אחוץ דעם האָבן אַלע פון דער "מאַנשאַפט", איינגעשלאָסן די מיידל, וואָס האָט געדאַרפט זיין די "האָסטעס" און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ "וואַש־פרוי" אין אַ יוניפאָרם . . . אַלע פּופצן מינוט אוועקגעזעצט זיך אין דעם עראָפּלאַן צו שטודירן די מאַפּע. . . . עס האָט אויפגערעגט די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף, ווייל אַלע האָבן געקאָנט זען, אַז די פירער פון דער שיף בלאָנדזשען און ווייסן ניט דעם וועג . . .

ווען דער פּאַילאָט האָט שוין ענדלעך געלאַנדעט אויף דעם וואַרשעווער פלי־פעלד, האָט ער געקראָגן אַ "שוואַרץ יאָר" פון דעם אויפזעער, פאַרוואָס ער איז געקומען אזוי שפּעט. דער פּאַילאָט האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דער מאָטאָר האָט ניט געאַרבעט צו גוט, און אַז ער האָט אביסעלע געבלאָנדזשעט.

די פּוילישע עראָפּלאַנען זיינען אַלע געוועזענע אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען, וואָס אַמעריקע האָט געגעבן צו רוסלאַנד, רוסלאַנד האָט אַ צאָל פון די עראָפּלאַנען געגעבן צו פּוילן. אַלע לופט־ליניעס ווערן קאָנטראָלירט פון דער רעגירונג. עס איז דאָרט נישטאָ קיין פּריוואַטע קאָמפּאַניעס. די פּוילישע לופט־געזעלשאַפט רופט זיך "לאָט" און די "לאָט" רעכנט גענוג געלט פאַר אַ רייזע צווישן וואַרשע און קראָקע, אָדער וראָצלאַוו, און קאַטאָוויץ, און איר קריגט גענוג טרייסלענעש פאַר אייער געלט . . . עס וואַרפט און טרייסלט אייך אָן אַן אויפהער, די לופט־סטאַנציעס זיינען שווידערלעך ענג און שמוציק. פון דעם אָפיס וואו איר קריגט די בילעטן און מען וועגט אייך אָפּ (יעדער פּאַסאַזשיר ווערט געוואויגן אין פּוילן, — אויב איר וועגט אביסל מער, מוזט איר צוצאָלן געלט; אויב איר וועגט ווייניגער, קריגט איר ניט צוריק קיין געלט . . .) ווערט איר געשיקט צום פלי־פעלד מיט אַ טראָק, אין וועלכן עס שטייען לאַנגע בענק. די טראָקס פאָרן איבער אַזעלכע וועגן, וואָס עס טרייסלט ביי אייך אַרויס די קישקעס, אזוי אַז ווען איר פאָרט נאָכדעם אויפן עראָפּלאַן זייט איר שוין צוגעוואוינט צו דער וואַרפענעש . . .

פילע עראָפּלאַנען האָבן אפילו ניט קיין באַזונדערע שטולן פאַר די פּאַסאַזשירן. נאָר צוויי לאַנגע בענק פון ביידע זייטן פון דעם עראָפּלאַן. די בענק זיינען גליטשיק, אַזוי אַז ווען דער עראָפּלאַן הויבט זיך אַמאָל אויף מיטן קאָפּ העכער ווי דער אונטן, גליטשן זיך אַלע פּאַסאַזשירן אַרונטער צום עק פון עראָפּלאַן און איין קופּע מענטשן . . .

דערפאַר זיינען שוין די שוועדישע עראָפּלאַנען, די לופט־סטאַנציעס, די באַסעס וואָס פירן די פּאַסאַזשירן צום לופט־פעלד, און די גאַנצע "סוירוויס" אויסגעצייכנט. אַלעס איז "פאַ־אַמעריקאַנסקי", אַלעס איז ציכטיק, און די עסנס — די בעסטע, נאָך פיל בעסער ווי אויף די אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען. דערצו זיינען די שוועדישע עראָפּלאַנען אויסגעשטאַטעט אין דעם "פּאַסאַזשירן־צימער" אויפן עראָפּלאַן מיט פאַרשידענע אינסטרומענטן וואָס ווייזן אייך ווי הויך איר זייט אין דער לופט, די טעמפּעראַטור אינווייניג און אין דרויסן, די שטונדן, די שנעלקייט פון פאָרן, און אַנדערע אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען אינטערעסאַנט פאַר די פאָרער. "אבא" איז דער נאָמען פון דער שוועדישער לופט־קאָמפּאַני.

ניט אַזוי גוט ווי די שוועדישע, אָבער דאָך פיל בעסער ווי די פּוילישע, זיינען די פראַנצויזישע עראָפּלאַנען. "עיר־פראַנס" רופט זיך די געזעלשאַפט, עס איז אַ שיינער נאָמען, אָבער עס וואָלט ניט געשאַדט דאָרט איינצופירן אַביסל אַמעריקאַנישע "אימפּרואווומענטס".

## ווען אַן אַמעריקאַנער בלאָנדזשעט איצט אַרום אין שטעט אין אייראָפּע האָטעלן

אויב איר פאָרט איצט קיין אייראָפּע און איר דערוואַרט דאָרט צו קריגן באַקוועמלעכקייטן אין די דאָרטיקע האָטעלן, וועט איר שטאַרק אַנטוישט ווערן. די מלחמה איז שוין מער ווי אַ יאָר געענדיגט, אָבער דער חורבן זעט זיך נאָך גוט־אָן אין אַלע לענדער, וועלכע זיינען געוועזן קרבנות פון היטלעריזם. אין די האָטעלן אין פּאַריז, למשל, קאָנט איר נאָך אַלץ ניט קריגן קיין שטיקל זייף. אַ האַנטוך מוזט איר האַלטן ריין פאַר צוויי־דריי טעג, און ווען איר קריגט דעם האַנטוך, איז ער באַלד מער שוואַרץ ווי ווייס, און דאָסזעלבע איז אויך מיט די בעטגעוואַנט.

די פּרייזן אין די פּאַריזער האָטעלן זיינען גראָד גאַנץ היבשע, ספּעציעל פאַר אַמעריקאַנער . . . "טיפּס" מוזט איר גרייט זיין צו געבן אַלעמען, אָבער איר קריגט אַלץ זייער ווייניק דערפאַר. די באַדינונג, וואָס מען פלעגט אַמאָל קריגן אין די פּאַריזער האָטעלן איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און קיינער פון די געסט שטעלט מער ניט אַרויס די שיך אין דרויסן פון דער טיר ביי־נאַכט, ווייל ערשטנס, וועט מען זיי איצט פאַר אייך ניט אויספּוצן, און צווייטנס, וועט מען זיכער צונעמען . . .

אין פּוילן איז נאָך ערגער. איר קריגט דאָרט אַ קליין האַנטיכל וואָס האָט אַ ברוינעם קאָליר און איז געמאַכט פון קאַטן און גומע, איהר האַלט זיך דערמיט אַזוי לאַנג ביז איר ווערט בייז און פאַדערט אַ צווייטע שמאַטקעלע. . . . אין וואַרשע אין דעם "פּאָלאָניע" האָטעל שטייען איין די דיפּלאָמאַטן פון אַלע לענדער און גלאַט אַזוי וויכטיקע געסט, אויב איר ווילט דאָרט האָבן אַ שטיקל זייף, אַ ריינעם האַנטוך, אַ ליילעך און דאָס גלייכן, מוזט איר פאַר זיך דאָס אַליין באַזאָרגן. דערפאַר אָבער קריגט איר דאָרט גענוג "העפליכקייט", ווי "פּראָשע פּאַניע", "שאַנאָוויע פּאַניע".

דערפאַר, אַז איר קומט אין אַ שוועדישן האָטעל, איז פּונקט ווי איר וואָלטגעקומען אין אַ נייער וועלט. דאָרט איז אַלץ הונדערט פּראָצענט גוט, ריין, און די "סוירוויס" איז אויסערגעוויינלעך גוט. דער דאָרטיקער "גראַנד האָטעל", וואו איך בין איינגעשטאַנען, קאָן ווערן פאַרגליכן צו די היגע בעסטע האָטעלן, באַלד אַזוי ווי דער ניו־יאָרקער וואָלדאָרף אַסטאָריאַ.

## פרויען

אמאָליקע צייטן זיינען פאַריזער פרויען געווען בארימט אויף דער וועלט מיט זייער "שיק" און שיינקייט, היינט, ווען איר קוקט זיך צו צו די פאַריזער פרויען אין די געשעפטן, סאַבוועיס, און אויף די גאַסן, אפילו אין אַ שיינעם זונטיק אויף דער פראַכטפולער "שאַנס דע עליזעי", ווערט איר שטאַרק אנטוישט. איר זעט זעלטן אַ שיינע פרוי, די מערסטע זיינען אָרעם אָנגעטאָן און אָן געשמאַק. אמת, דאָס לאַנד איז זייער פאַראָרעמט, עס איז שווער צו קריגן קליידער, אפילו פאַר געלט, אָבער אפילו די וואָס גייען יאָ רייך אָנגעטאָן, האָט דאָס אויך ניט קיין טעם, קיין "שיק". איר טראַכט וואו זיינען אהינגעקומען די פאַריזער פאַסאָנען? די מאָדעס? סיידן זיי שיקן דאָס אַלץ קיין אמעריקע . . .

זעלטן ווען איר זעט אַ פרוי וואָס טראָגט זיידענע זאָקן, אָדער וועלכע עס איז זאָקן. די וואָס טראָגן שוין יאָ זאָקן, זיינען דאָס פון מאָדנע, טונקעלע קאָלירן, די קליידער זיינען מערסטנס פון גאַנצע (סאָלידע) קאָלירן. ניטאָ קיין לעבעדיקייט אין זיי, די העטס זיינען אָן טעם, גאָר ווייניג פרויען האָבן זייערע האָר שיין פאַרקעמט. ביי אונז קאָנט איר אין פיפט סטריט, ניו־יאָרק, אָדער אין גאַסן ווי וואַשינגטאָן עווענױ, בראָנקס, אָדער קינג סטריט, ברוקלין, זען שענערע און בעסער געקליידעטע פרויען ווי אין די שענסטע גאַסן פון פאַריז.

אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט אין פוילן זעט מען פיל שענערע פרויען און בעסער געקליידעטע ווי אין פראַנקרייך. אמת, אַז די מערסטע פון דער פוילישער באַפעלקערונג איז אָרעם און פּראָסט געקליידעט, אָבער איר זעט אויך שיין־פאַרפּוצטע פרויען מיט דעם אמאָליקן "פאַריזער שיק". די פרויען וואָס קאָנען זיך דערלויבן אויסצוגעבן געלט, זיינען שיין אָנגעטאָן, און שיין פאַרפּוצט, נעט אָבער שיין, און זיי האַלטן זייער שטאַרק פון קאָסמעטעטיס, פּערפיום און גאָר שטאַרק פון בלומען.

איך האָב אין ערגעץ ניט געזען פאַרקויפן אַזוי פיל בלומען ווי אין פוילן, אין די געשעפטן און אויף די גאַסן, אויף שריט און טריט פאַרקויפט מען בלומען, רייך און אָרעם קויפן בלומען, אין כמעט יעדן הויז געפינט איר לעבעדיקע פרישע בלומען.

די מערסטע פרויען אין פוילן (אחוץ די פּויערטעס) טראָגן העטס, איינפאַכע העטס, מערסטנס זעען זיי אויס ווי מענערשע קאַפּעלושן, אָבער זיינען נעט, שיין און צוגעפּאַסט צום פּנים. אין פראַנקרייך זעט איר זעלטן אַ פרוי מיט אַ העט, אָבער אין פוילן זעט איר דאָס אויף שריט און טריט.

אין שוועדן זעט איר די שענסטע און די בעסט־געקליידעטע פרויען. די מערסטע שוועדישע פרויען זיינען שלאַנק, בלאָנד מיט העל־בלויע אויגן. זייער אָנטאָן איז ניט פאַררײסן, אָבער גאָר שיין צוגעפּאַסט צו זייערע שיינע פיגורן.

## קינדער

די קינדער אין פראַנקרייך און אין פוילן זיינען "פאַרעלטערט" געוואָרן דורך דער מלחמה־צייט. קינדער פון צען יאָר האַלטן זיך און רעדן ווי אמאָל קינדער פון פופצן אָדער אכצן יאָר. די אידישע קינדער זיינען באַזונדערס גאָר "אַלט" געוואָרן דורך די שרעקלעכע איבערלעבונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די לעצטע זעקס־זיבן יאָר.

נאָך מער ווי דאָ אין אמעריקע, איז עס שווער פאַר די עלטערן אין פראַנקרייך צו קאָנטראָלירן זייערע קינדער. מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז זיי זיינען צעלאָזן און ווילד; זיי זיינען אין דעם איינגעהאַלטענער ווי די היגע אמעריקאַנער קינדער, אָבער זיי זיינען "פריי" און ווערן פרי זעלבסטשטענדיק. די מערסטע האַלטן ניט איצט פון שטודירן, כאַפּן זיי זיך צו דער אַרבעט אָדער צו געשעפטן ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונג.

## ציימונגען

אז איר זייט אוועק פון אמעריק עטלעכע וואכן, פעלט אייך אויס אסך גוטע זאכן, צו וועלכע איר זענט דא צוגעוואוינט געווארן, אבער מער פון אלץ פעלן אייך אויס די היגע אמעריקאנער ציימונגען. מעגן די אייראפעער לאכן פון דער היגער "געלער פרעסע", ווי זיי רופן דאס. ווען איר וואוינט אין ניו־יארק און איר לייענט טעגלעך די היגע ענגלישע און אידישע ציימונגען, קאנען אייך ניט צופרידנשטעלן די ציימונגען אין אייראפע — ניט די אידישע און ניט די ניט־אידישע.

אין פארגלייך מיט אזעלכע ציימונגען ווי די "טאימס", "הערלד טריביון", "סאן" און "װארלד־טעלעגראם", זיינען די פאריזער ציימונגען, די ווארשעווער ציימונגען, און אפילו די לאנדאנער טעגלעכע פרעסע, פון א זשורנאליסטיש שטאנדפונקט, — "מפיל־קינדער", — ניט דערוואקסן, ניט דערבאקן, און ניט אינפארמאטיוו. כמעט יעדע ציימונג האט א פאליטישן פנים, דרוקט מער ארטיקלען וועגן פאליטיק ווי נייעס, און די נייעס איז אפילו ניט אויף א "טיי־לעפעלע".

## שפייז

די מערסטע מענטשן, וועלכע איך האב באגעגנט דא נאך מיין צוריקקומען קיין אמעריקע, האבן מיך געפרעגט צי איך האב ניט געדארפט הונגערן דורך דער צייט פון מיין זיין אין אייראפע. וועל איך דא זאגן אין אלגעמיין, אז מען הונגערט ניט אין פראנקרייך, און אז אין פוילן איז פאראן גענוג עסן, און גוט עסן, אבער ניט אלע אין פוילן האבן געלט צו קויפן עסן. ספעציעל איז דאס דער פאל מיט די אידן, וועלכע זיינען לעצטנס צוריקגעקומען פון רוסלאנד. זיי ליידן פשוט הונגער, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס עס איז דא אין לאנד גענוג צו עסן.

אין די רעסטאראנען אין פאריז פעלן אויס געוויסע זאכן. מען מוז דארטן האבן "רעישאן סטעמפס" פאר ברויט, וויין און פלייש. ניט אלץ קאן מען דארטן קריגן. מילך און צוקער איז ניט צו קריגן, און זייער קאפע איז שרעקלעך, אין מויל ניט צו נעמען. אבער עס זיינען דא רעסטאראנען וואו איר קאנט קריגן פון אלץ וואס אייער הארץ גלוסט, איר דארפט נאר וועלן באצאלן שווארצן־מארק פרייזן. פאר דעם אמעריקאנער, וואס בייט אויס דאלארן אין גאס ניט אין באנק, איז דאס קיין גוואלד ניט, עס קאסט ווייניקער ווי א גוטער מאלצייט אין א בעסערן אמעריקאנער רעסטאראן. אין די אנדערע רעסטאראנען אין פאריז קאסט ניט אזוי טייער, אבער איר גייט ארויס פון דארט א הונגעריקער.

אין פוילן קריגט מען אין די רעסטאראנען פיל בעסערע עסנס ווי אין פראנקרייך. איר קריגט פון די בעסטע געטראנקען, די פיינסטע פארשפייזן און פיש, און די פיינסטע פליישן. אלץ איז דארט פריש און זייער געשמאק. אין ווארשע קאנט איר פאר צוויי דאלאר עסן דעם פיינסטן דינער, וואס איר וואלט דא געדארפט באצאלן כאטש פיר דאלאר. דארט, און אין גאנץ פוילן, קריגט מען גענוג מילך, קרים, צוקער און די קאפע איז גאר פיין. איר קריגט אויך הינער, קאטשקעס, גענז און די פיינסטע סטעיקס. געבעקסן זיינען דארט די בעסטע און פרוכט איז זייער ביליק.

פונדעסטוועגן, צי איר עסט א פיינעם דינער אין פאריז, צי אין ווארשע, און אפילו אין שוועדן, טראכט איר פיל מאל אז איר וואלט שוין וועלן זיין צוריק אין ניו־יארק, און "אריינכאפן" א לאנטש אין א זיבעטער עווענױ "קאפעטעריע" . . .

# שלום-וואָרט

איך בין געפאָרן "אַהיים" קיין וואַרשע . . . איך האָב געזען וואָס עס איז געבליבן פון וואַרשע. איך האָב אויך געזען וואָס עס איז געבליבן פון אונזערע וואַרשעווער לאַנדסלייט — מענער, פרויען און קינדער יתומים. מיין האַרץ איז געזונקען, ווען איך האָב גערעדט מיט זיי אין וואַרשע, לאָדז, שלעזיען, שטעטין, שוועדן און פראַנקרייך. זיי האָבן מיך געפרעגט וועגן די וואַרשעווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. איך האָב געשטיקט מיין כעס אין זיך, וואָס האָב איך זיי געקאָנט זאָגן ?

האָב איך זיי געקאָנט זאָגן וועגן די גלייכגילטיקייט פון די מערסטע וואַר־שעווער אידן אין אַמעריקע צו דעם גרויסן אומגליק פון זייערע ברידער אין איראָפּע. ניין, איך האָב דאָס דאָרט ניט געקאָנט דערציילן. איך האָב דאָס פאַר־שוויגן און פאַרדעקט, צי וואָס שיטן זאַלץ אויף זייערע וואונדן ? איך האָב "מיינע לאַנדסלייט" פאַרענטפערט . . .

אויף מיין רייזע אין איראָפּע האָב איך צוגעקראָגן אַ צאָל נייע פריינט, אין פּוילן, שוועדן און אין פראַנקרייך. מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן און פאַרטייען. און זייט איך בין געקומען צוריק, האָב איך געקראָגן גרוסן און בריוו פיל מיט דאַנקען און לויב פון פירער פון דעם פּוילישן אידנטום אין איראָפּע, און אויך פון די פּשוט׳ע אידן, וועלכע רימען מיין אַרבעט, מיינע אויפ־טואונגען און מיין אויפפירן זיך דורך דער צייט פון מיין זיין אין איראָפּע. דאָס איז דער גרעסטער לוין פאַר מיר. דאָס באַצאָלט פאַר מיינע קאָסטן, פאַר מיין האַרצוויטאָג און פאַר דער שווערער אַרבעט דורך דער צייט פון מיין רייזע.

איך בין דאַנקבאַר דעם "אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער אידן" און אויך דעם "דזשאָינט", פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט צו פאָרן און צו רעדן אין זייער נאָמען צו די געראַטעוועטע אידן אין איראָפּע, צו ברענגען זיי דאָס ביסל הילף, און איבערהויפּט די דערמוטיקונג וואָס זיי דאַרפן אַזוי נויטיק האָבן. וויפיל מיינע כוחות און מיטלען וועלן מיר נאָר דערלויבן, וועל איך פאַרזעצן מיין אַרבעט לטובת אונזערע געראַטעוועטע ברידער און שוועסטער, און איבער־הויפּט פאַר די געראַטעוועטע יתומים.